STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04976

LIDER UN POEMEN

L. Touretzky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מיט ווינטשן

(משה'ל) ל. טורעצקי

לייקוואוד, 1970

ל. טורעצקי

1715 לעקסינגטאן עוו.
לייקוואוד, ניו־דזשוירזי

ל. טורעצקי
(ל. טור)

לידער און פאעמען

פארלאג "פאָעזיע"
תל־אביב, ישראל

L. TOURETZKY
(L. TOORE)

Mr. Louis Touretzky
1715 Lexington Ave, Apt. 4
Lakewood, N. J. 08701

POEMS and BALLADS

Published in Israel
May, 1970

דאָס ליד

ס׳איז דער טאָן, ניט די האַרף,
וואָס עס קלינגט אַזוי זיס;
ניט דער שטאָל, נאָר דער שאַרף,
מאַכט דעם שווערד, וואָס ער איז...
ס׳איז דער ווינט, ניט דער מאַסט,
וואָס אין ים טרייבט די שיף;
ניט דער גראַם מאַכט דאָס ליד,
נאָר דאָס וואָרט פון דער טיף...

ל. טורעצקי

אין אַלבאָם

ווען פון אומעט באַוועגט, וועלן דאָ אַרומבלאָנדזשען דיינע פינגער,
אַרומזוכענדיק אין נעכטען, אַ טרייסט פאַר׳ן היינט —
לייכטער זאָל דאן ווערן אויפ׳ן האַרצן דיר און גרינגער —
אַז אימער אַ חבר בין איך געווען דיר און פריינד.

ל. טורעצקי

דער ווינט און די לבנה

איך האָב ביי נאַכט אַ פרעג געטאָן דעם צאָרנדיקן ווינט:
„וואָס רייסטו זיך אַ הייזעריקער און רעווועסט אַזוי ווילד?"
האָט ער בייז אַרויסגעכריפּעט:
„איך קום קינדער שרעקן אין די וויגן
פאַר זייערע קומענדיקע, צוקונפטיקע זינד."
אין דער זעלבער גאַס, נאָך אין דער זעלבער נאַכט,
איז די לבנה אַרויס אויפן הימלס העכסטער הייך
און געשפּרייט אויף דער ערד איר זילבערפּראַכט.
האָב איך געפרעגט: „פאַר וועמען שטראַלסטו אַזוי בלייך?"
געקומען איז אַן ענטפער אין איר זילבערדיקער שפּראַך:
„אַ וועלט אין טרוימען קום איך איינצואוויגן
אין זכות פון יעדערן פאַר זיין אַ מאָל אַ קינד."

ל. טורעצקי

אַ פארצייטיקער בילדער אַלבאָם

אין שפעטע, ביינאַכטיקע אומעט־פול שטונדען —
אַן אַלטער אַלבאָם אין סאַמעט געבונדען —
געמישט האָב איך די דיקע קאַרדאָנענע בלעטער
פון אָנהויב ביז ענדע, פון טאָוול צום טאָוול,
אַן איינבונד צוריסן, כמעט שוין צובראָכן,
געקנאַקט האָבן בלעטער ווי פון פינגער די קנאָכן —
ווי עס ברעכט אין דער שטיל אַ נאָנטער אבל
ווען בליפענדיק די שבחים פון טויטען דערעדט ער...
די מאַמע, די מומע, דער פאָטער און פעטער
האָבן דורכגעשוואומען פאַרביי מיינע אויגן
און די געלע, באַגילטע, דיקליכע בלעטער
האָבן אין מיין זכרון אַ סינעמא פאָרהאַנג פאַרצויגן.
און אויף די בלייכע און אויסגעגעלטע בילדער
ווי אויף קלאַווישן געבלאָנדזשעט האָבן מיינע פינגער
און אָבגעענטפערט האָט אַ הימן נאָך שטילער און מילדער —
דער אַמאָל לעבן ווי אַ כאָר פון טויזנטער זינגער.

ל. טורעצקי

יידיש

עס ווייַנט אין מיר דאָס האַרץ,
ווען זיי מאָלן דייַן גורל שוואַרץ,
מאַמע יידיש!
צי איז דען אַ חידוש?
אַז זעקס מיליאָנען זייַנען אַוועקגעגאַנגען אין אַש
און די אַנדערע פון פרעמדע טישן כאַפּן נאַש נאָך נאַש,
און אויף פרעמדע בעכערס מאַכן קידוש.
נאָר איך זע דיך מאַמע יידיש
ווי אַ ליכט, וואָס ברענט און טונקלט
און ווידער לייכט עס העלער
און ווערט ניט אויסגעלאָשן;
צעקלינגען ווידער וועט זיך דייַן שטים אין שטוב און קעלער.
איך גלייב אין דיר, יידיש לשון.

ל. טורעצקי

מיין באַגלייטער

אויף איר אונענדליך וועג רייט די „מאַמע צייט"
באַגלייט פון אירע זין: „מאָרגן", „נעכטן", און „היינט־אַצינד";
און דער „אַצינד" איז איר ליבסטע הענעווסדיקע קינד;
אויך אויף מיין קורצן וועג ביי זיין זייט איך רייט...
„מאָרגן" ווערט אויפ׳ן וועג פאַרלאָרן —
ניט מען הערט אים און ניט מען זעט;
און „נעכטן" איז געווען גאָר אַלע יאָרן —
מער ניט ווי אַן אָבשפּיגלונג, שאָטן־סילועט
פון זיין ברודער דעם חענעוודיקן „היינט" —
דער באַגלייטער מיינער און מיין פריינט; —
און צוזאַמען מיט זיין מאַמען — די „מאַמע־צייט"
רייטן מיר אין דרייען אַלע זייט ביי זייט...

ל. טורעצקי

אין מוזעאום

סעזאָן —
וויפיל צויבער איז פאַראַן
אין זיינע בילדער,
זוניקער און מילדער
פון זון זיינען זיי.
און מאניי —
אַ נעפל צווישן בוימער
און אַ סטויג מיט היי —
ס׳האָט אַ טרוימער
אַ בענקשאַפט איינגעוועבט אין זיי.
מיר נאָך נענטער
איז דער אַלט־באַקאַנטער
אייגענער שאַגאַל:
אויפ׳ן קרומען דאַך
אַ יידל
מיט אַ פידל
מיט אויגן שטאר,
שפילט אויס דער וועלטס צער.
און אַן אויסגעדאַרט פערדל,
און אַ ציגעלע מיט אַ בערדל,
קייען די סוכה־סכך.
אויף די קרומע דעכער
הייבן זיך טרוימען העכער
ביים שטעטלדיקן שאַגאַל,
דעם מאָלער פון אונזער קוואַל.

ל. טורעצקי

דער שטאַרבענדיקער טאָג

עס וועט גייסעסן דער טאָג
און איידער ער וועט שטאַרבן,
און אַוועקפאַלן אין אייביקן דרימל
וועט ער זיין פען טונקען אין זונס צושמאָלצענע פאַרבען
און שרייבן אויפ׳ן פארמעטענעם הימעל;
אַ צוואה אַזאַ און אַן עצה
זיין זון דעם קומענדיקן טאָג;
נאָר ס׳וועט באַלד אָנקומען
די שוואַרצע מיעסע נאַכט
און אָבמעקן דאָס געשריבענעם זאג...

ל. טורעצקי

פאַרנאַכט

ס׳קומט אָן, פאַרנאַכט, מיט שטילע טריט צושלייכן
אין שטאָט אַריין, פון אַ פרעמדען לאַנד אַ גייער,
אַ כישופמאַכער, אין טיול געוויקעלט און אין שלייער,
און שפריצט אויפ׳ן האָריזאָנט רויטען גאָלד און בלייכן —
צופלאַמט זיך גאָלד אויף אַלע פענצטער שויבן,
און ס׳עפענען זיך גלייך יעדער טיר און טויער
און לאָזן זיך אַרויס הײלענדיקע גייער.
שטיל. יעצט רעדט מען ניט אַ וואָרט אַ הויכן —
עס זעט דאָס אויג עפּעס, דערהערט דאָס ניט ס׳אויער,
און אויפ׳ן האָריזאָנט וואו ס׳אויג קאָן נאָר דערגרייכן
פלאַטערן רויטע פאַסן אַלץ פיאַליעטעווער און גרויער,
ביז שטיקער רויטס ווערן גרוי פארשפונען —
בלוי שאטענט זיך, גיסט זיך אויף אין טונקל,
אַ וואונק — אַן ערשטער שטערן גיט אַ פונקל
און דער צויבערער ווערט אנטרונען.

ל. טורעצקי

צו אַ 16 יאָריקער מיידל

פון וועלכער אומבאַוווסטער וועלט אויפברעכענדיק די זיגלען
האָט אַ יונגער גאָט אַן אוצר רייכען אויפגעשלאָסן,
אַרויסגענומען אַלבאַסטער, זעלטענעם, און עלאסטישקייט פון פליגלען
און האַרמאָניש דאָס אין איין קערפּער אויפגעגאָסן.
אירע באַקען — אין אַ בייט פון ווייסע ליליען — רויטע ראָזען,
וואָס פלאַטערן אין זומער אין די פאַרנאַכטען,
און אַ שטערן אַ בלייכער, אין אַ ראַם אַ צאַרטען
און האָר — שוואַרצע פּאַסען זיידענס אינ׳ם ווינט צולאָזן.
אירע אויגען! ניטאָ דאָס וואָרט און ערדיש קלאַנג,
דאָס האָט דער גאָט פון עפּעס זיך פאַרטרוימט —
און מיט בענקשאַפט געזונגען אַ געזאַנג
און שפּעטער פאַר אויגען דאָס איר איינגערוימט...
איך וויל אָ קינד, קוקען אין זיי נאָך לאַנג,
און הערן דאָס צאַרטע בענקשאַפט פון אַ גאָט,
נאָר ס׳קלעמט מיין האַרץ אויף פון געדאַנק —
דאָס זאָל ניט פאַרטרונקען ווערן אין הייזעריקייט פון שטאָט.

ל. טורעצקי

אַ קלאגע

מיט׳ן גרויסן, שוואַרצען מעסער וואָס רופט זיך טויט —
האָט גאָט פאַר אונז אָנגעשניטן חלקימלאך צייט,
ווי אַ מאַמע אַן אָרימע טיילט אויס פּיצעלאך ברויט,
און פאַר זיך האָט ער אַוועקגענומען ס׳גאַנצע אייביקייט.
ליידען האָט ער מיט דער פולער האַנט אונז געגעבן,
דאָס ניט געמאָסטען, און דאָס ניט געציילט,
און דאנקען דאַרפען מיר ס׳גאַנצען לעבן
פאַר אַלץ וואָס ער האָט אונז איינגעטיילט.
כ׳ווייס ניט צו ועמען דערציילן דאָס, זאָגן,
סיידען צו די ווייטע אין הימעל די שטערן,
נאָר אומזיסט צו דערציילן, אומזיסט זיך באַקלאָגן —
זיי וועלן מסתמא דאָס ניט דערהערן...

לויט בען דזשאָנסאָן

אַ מענטש און בוים זיינען ניט קיין פּאָר —
אַ דעמב קען לעבן דריי הונדערט יאָר
און פאַרדאַרט און פאַלט, און ווערט ברען האָלץ:
אַ מענטש מעג טראָגן זיין קאָפּ שטאָלץ —
ווי די בלום וואָס בליט אויף אין איר פּראַכט
און פאַרוועלקט אין דער זעלבער נאַכט.
און יעדע זאַך איז ניט לויט זיין מאָס
נאָר דאָס וואָס ער איז וואָס...

ל. טורעצקי

דאָס עופּעלעס אויגען;

וואָס שימערירט אַזוינס אין אַ עופּעלעס אויגען —
טרוימעריש פאַרטראַכט,
אַ שיין צו וועמען איך ווער צוגעצויגן
ווי אַ פלאַטערל צו אַ פלעמעל אין דערנאַכט?
אפשר איז דאָס דער שימער פון די שטערן —
וואָס זייערע מוטערס, מיידעלוויס, צום הימעל קוקענדיק,
האָבן איינגעזאַפּט אין זיך, אינאיינעם, מיט אַ זיפץ אַ שווערן,
צו דער נאַכט און צום הימעל, מיטן האַרץ זיך בוקענדיק?
איך קוק אין זיי, עס טוט מיר באַנג,
איך זוך זייער אור־קוואַל צו דערגיין,
נאָר אונבאַזעטיגט בלייבט מיין פאַרלאַנג,
ווער קען געטליכעס פארשטיין!

ל. טורעצקי

מ ע נ ט ש

מענטש, דו קרוין פון געטליכן באשאף —
ניטאָ מער האַרציקער פאַר דיר און קליגער,
דאָך בלוטדורשטיקער ביסטו פון לעמפּערט און פון טיגער,
דו, צוויי פּיסיקע חיה, אייניקל פון אַף!
ווער קען דיין האַס און גיפט אָבהאַלטען
ווען דו לאָזט זיך פאַר אידעאל און טוגענד
אויפ׳ן שלאַכטפעלד אויסמאָרדעווען דיין יוגענד,
און אין דער היים בויסטו פאַר קעץ הייל אנשטאַלטן.
פון טאָג ווערט דיין וויסען וואָגיקער, גרעסער,
דו באַהערשסט די ערד, די טיפעניש פון ים און לופט
און דאָך רעגט אויף דיין נאָז דער פלייש־פרעגעלדיקער דופט,
ווי פון מענטשען פלייש ביי דיין אור־זיידן, דער מענטשען פרעסער.
מענטש! דו גייסט דריי טריט פאָראויס, און צוויי צוריק
עס איז אמשופעדיקער, בארגיק וועג,
נאָר צו דיינע מעגליכקייטן איז ניטאָ קיין ברעג —
איך זע דיין צוקונפט — אַ העל פלאַמענדיקער גליק.

ל. טורעצקי

דאָס לעבן

איז דען אין לעבן דאָ אַ ציל —
ווען דאָס יוגענד ווי דער שניי צוגייט,
ווען פון ערשטן טאָג שטייט אָנגעגרייט
דער טויט ווי אַ שלינגער קראָקאָדיל ?
איז אין לעבן דאָ אַ ציל —
ווען נאָכאַנאַנד עס שרעקט דער טויט
און דאָס לעבן־לאַנג קעמפּען מיט׳ן נויט,
יע ! דאָס לעבן איז אַ פאַרלאָרן שפּיל . . .

ל. טורעצקי

דורכלייענדיק סוצקעווער'ס „סיביר"

איך האָב דורכגערייזט פילע לענדער —
און פיל וואונדער דאָרט געזען,
נאָר אזא פראַכט ווי אין די צוויי בענדער
איז אין ערגעץ ניט געווען.
איך האָב געזען סיביר, געפילט זיין קעלט,
ווי נאָנט ער איז, דערלאַנגען מיט'ן האַנט —
אַ שנייאיק פראַכט, אַ פראָסטיק וועלט.
איך זע אירטיש און דאָס גאַנצע לאַנד.
איך זע זיין טאַטען, אין דעם כוטער,
זיין פידל, ער נעמט דאָס ברויט,
דאָס שוואַרצע, אויף דעם שמירט ער פוטער,
און אויף די הענט דאָס בלויע הויט.
איך זע פארפראָרענע פענסטער,
און דעם וואָלפס אָטעם אויפ'ן שויב;
ווי אין ווינט טאַנצן אום געשפענסטער,
און אויפ'ן בוידעם דאָס ווארקען פון אַ טויב,
ווי ס'שטייען בוימער אין ווייסן קיטל —
אין מנינים דאַווענען זיי;
און דער ריטם דיינס אַ שליטל
גליטשט זיך אין געפראָרן שניי.
איך האָב דורכגערייזט פילע לענדער —
און פיל וואונדער דאָרט געזען,
נאָר אַזאַ פראַכט ווי אין די צוויי בענדער
איז אין ערגעץ ניט געווען.

ל. טורעצקי

אין די 80־קער

ווי אַ פּאַרמער, וואָס האָט אַ אָנגעפּאַקטן שייער
מיט תבואות צייטיקע, ביזן סאַמע דאַך,
און דאגות נאַגענדיקע אַ סאַך —
פאַר אַן אויסברוך פון אַ זומער פייער.
אַזוי ציטערט ער אַז דאָס וויסן אין זיין מוח —
אָנגעגראַבליעט פאַר אַזויפיל יאָרן,
זאָל פלוצים, מיטאַמאָל, ניט גיין פאַרלאָרן —
ווייל ער שפּירט שוין האַרבסט פוילענדיקן רח.
ווייל איבער די אויגן זיינע לאָזן זיך אַראָפּ געבעלדיקע שטאַרן,
און די בלוטן אין די אָדערן קלאַפּן מיט אַ האַסטיקערן כוח —
ער שפּירט שוין האַרבסט פוילענדיקן רח,
ווייל אין לעבן טיף איז ער שוין אַריינגעפאָרן.

מיין גאָט —

מיין גאָט האָט דורך משה׳ן ניט גערעדט,
און ניט גערעדט האָט ער דורך מאָחאַמעט;
גאָר ביליאָנען גאַלאַקסן און זונען
האָט ער אויפ׳ן קאנוועס פון אוניווערס אויסגעשפונען.
איך מוז אים ניט לויבן, און ניט רימען,
פון זיין גרויסקייט האָב איך אַ סימן —
אין די אונענדליכקייט פון רוים און צייט,
און אין די מיקראָסקאָפּישע קליינינקייט.
מיין שכל קען אים ניט דערלאַנגען,
דאָך זיין גרויסקייט איז צו מיר דערגאַנגען —
דורך אַלץ וואָס לעבט אָדער טויט,
דורך אַלץ וואָס גייט אָדער שטייט.
איך זע די קרובעשאַפט פון מענטש און שטיין,
און די קרובעשאַפט פון אים אַליין;
מיר זיינען טיילכעלאך פון אים —
איך הער אין אַלץ זיין מעכטיק שטים.
מיין גאָט האָט דורך משה׳ן ניט גערעדט,
און ניט גערעדט האָט ער דורך מאָחאַמעט;
נאָר ביליאָנען גאַלאַקסן און זונען
האָט ער אויפ׳ן קאנוועס פון אוניווערס אויסגעשפונען.

דער טויט

ווען איך קלער ווי שרעקליך איז דער טויט
אין זיין גרויזאַם שפּיל,
ווי אַ מעכטיק מאָנסטער קראָקאָדיל,
מיט אַ פּיסק אָפֿען, שטייט ער אָנגעגרייט.
און אפשר איז ער מער ניט אַ פינסטער קאָרידאָר,
דורך וואַנען מען גייט אין ליכטיקייט אַרויס,
און דאָס לעבן דאָ איז געווען אַ חלום בלויז,
און מען קומט אַריין אין א ליכטיק וואר???

ל. טורעצקי

אין אַמעריקע

פון וואָס זינגט אַ יידישער פּאָעט ?
פון זיין שטעטל, פון זיין זיידן,
און פון זייביידען —
ער קען זיך ניט צושיידן —
און זיינע אַלטע וואונדען גלעט.
ווארום זינגט ניט נייע לידער דער פּאָעט ?
ווייל ער איז אַהער געקומען,
און דאָס לאַנד ניט אויפגענומען,
און ניט דערהערט דאָס לאַנדס ברומען —
ווייל געקומען אין דער עלטער שפּעט.
וואָס זאָגט דער יידישער פּאָעט ?
ווי אין קופּקעס האר, ביי דעם שערער —
דאָס פאָלק צושניטען האָט דער צושטערער,
און די מענטשען וואָס שטייען ניט אויף מערער,
און פון דעם ער רעדט.
פון וואָס זינגט אַ יידישער פּאָעט ?
פון זיין שטעטל, פון זיין זיידן,
און פון זייביידן
ער קען זיך ניט צושיידן —
און זיינע אַלטע וואונדען גלעט...

ל. טורעצקי

איבערזעצונג פון לאָרד בייראָן

דער קעניג איז אויף זיין טראָן געווען;
די סאטראפּען האָבן אָנגעפילט דעם זאַל
און אינ׳ם טויזענט בליטץ־לאַמפּיגען געברען
האָט געגלאַנצט דער קעניגליכער באַל.
יהודה׳ן האָט גאָט פאַרלאָזן,
אין יעהאָוואס באקאלען האָט געפלאָסען
דאָס גאָטלאָזע היידישע וויין.
אין זעלבער שעה אין זעלבען זאַל
האָבען אַרויסגעקומען אויפ׳ן וואַנט
די פינגער פון אַ האַנט.
און געשריבען ווי אויפ׳ן זאַמד.
די פינגער פון אַ מאַן,
אן אויסגעבלייכטע האַנט
האָבען די אותיות אויסגעפירט
און ווי מיט אַ שטעקעל זיי געשטריכט.
דער מאָנאַרך האָט געזען און געציטערט
און מער קיין פרייד פאַרלאַנגט,
בלוטלאָז זיין געזיכט — און פאַרביטערט
און זיין שטים ציטערדיק באַנומען —
„זאָלען די קלוגע מענער קומען,
די קלוגסטע אויף דער ערד
און באַשיידען די פארכטיקע ווערטער
וואָס האָבען דעם קעניג׳ס לוסט צושטערט״.
די זעהערס פון כאלדעאָ זיינען גרויס
נאָר דאָ זיינען זיי ניט געווען געשיקט
זיי האָבענ׳ן געהיימע שריפט געבליקט
און ניט בעגרייפט קיין אות.

ל. טורעצקי

בבל׳ס אַלטע לייט
זיינען קלוג און טיף אין לערע
זיי האָבען געקוקט, נאָר ניט געוואוסט דעם באַדייט
פון דער געהיימער שריפט די שווערע.
אַ געפאַנגענער אין לאַנד,
אַ פרעמדער און אַ יונגלינג
האָט דערהערט דעם קעניגס געבאָט
און דערזען אין געשריפט דעם סוד.
די לאַמפען האָבען געלויכטען ליכטיק
די נבואה אין אַן באַטראַכט
האָט ער געלייענט אין יענער נאַכט
און מאָרגען האָט באַשטעטיקט ריכטיק:
באַלשאַצאַרס קבר איז גרייט,
זיין קעניגרייך פאַרגייט —
ער ווערט אין וואָגשאָל געוויגען —
איז לייכט און גרינג ווי שטרוי,
תכריכים זיין קייסערליכע קלייד,
זיין חופה איז דער שטיין —
מדין קומט דורך די טויערען אַן
די פערסיער זיינען אויף זיין טראָן.

ל. טורעצקי

צו אַ פּיאָלע עקזאָטישע פּאַרפיום

אַ בלומ׳ס נשמה איז איר דופט,
אין יעדן טריף איז דאָ אַ בלום פאַרבאַהאַלטן
נאָר איין באַרירונג מיט׳ן לופט —
ס׳ווערט הייסער אָריענט אין צפון קאַלטן...
נאָר אַ טריף אויף די פינגער אויף די האָר
נעמט דער דופט טרוימען וועבן,
וועבט זיך אויף טרוים און וואָר
און ווי לייכט יעצט אין לופט צו שוועבן...

ל. טורעצקי

בענקשאַפט

מעלאַנכאָליע, אַ צאַרטע שוועסטער מיינע,
אין אַ קלייד פון שאָטענס זייד,
אין די פאַר׳ן אָוונט שעהן פיינע
קומט און זעצט זיך ביי מיין זייט.
איך זע איר פּנים קוים, ער איז טונקל בלייך
און צושפּרייט אויף אים אַ מילדער טרויער,
גלעט זי מיינע האָר צערטליך ווייך
און שעפּטשעט עפּעס מיר אין אויער.
און ווען פון טיש הויב איך אויף מיין קאָפּ
ווערט מיר אויפ׳ן האַרצן לייכט —

זי איז דורכ׳ן פענסטער דערוויייל אַראָפּ
און מיינע אויגן זיינען עטוואָס פייכט...

ל. טורעצקי

אַ חשבון הנפש

שנעל זיינען פאַרבייגעלאָפן די יאָרן
ווי די טעלעפאָן סלופּעס פאַרביי באַן,
און טיפער אין לעבן בין איך אַריינגעפאָרן
און באַלד וועט מען אַ זאָג טאָן „עד כן!"
דאַן וועל איך זיך צוזעגענען מיט׳ן לעבן,
און איידער איך מאַך נאָך אַ טראָט
כ׳וועל מיין גוף צו דער ערד צוריקגעבן
און וועל גיין נאָכ׳ן רוף פון מיין גאָט.

ל. טורעצקי

אסתר׳ן

מילד איז דיין געזיכט און מאטליך, רונד און בלייך,
לייכטען העל אויף אים צוויי שיינע, שוואַרצע אויגען,
טיפער קוק אין זיי, אי פייערדיק, אי צארט און ווייך
און ברעמען איבער זיי — זיידענס אויפגעצויגען.
סודות׳פולע, לאַנגע וויהעס דיינע עראינערן מיר אַ בילד:
תלמודיש־רוימיש צייט, אַ ביבליש פרוי אויסגעהאַקט אין שטיין,
רוים, גלאדיאטאָרן, געפעכט — אַ וואַנדערער בלייבט שטיין,
נאָנט צוגעשמיט ביי׳ם מאַרמאָר, וואו אויגן זיינען פייערדיק און מילד.

ל. טורעצקי

מיין קעניגין

פון טומעלדיקן עולם, פון רעש און געפילדער,
פון בראזיג־לאַנד און גרילצעדיקער באַליהו,
פון הייזעריקע „באַרקערס״, פון אַ וועלט אַ ווילדער —
געלאָפן האָב איך, געזוכט פארגעסענהייט און רו...

און לויפענדיק פון ליאַרם, פון עולם זיך אָבגעזונדערט, —
ערשט אויפ׳ן האָריזאָנט, ווי אַ וויזיע האָט זיך באַוויזן,
אַ בלאַסע בת מלכה, פון אן אנדער וועלט און יאָרהונדערט,
אַן אסוויטע פון ריטער און היטער, און ריזען,
און העראלדען האָבן ניט טרומייטערט, ניט געפייקעלט איר קומען,
און קיין טעפיכער צעקייקעלט, און ניט צושפרייט קיין בלומען,
און קיין צייכן געהיימען האָט זי באַוויזן מיטן האַנט,
נאָר נאָך איר מאַיעסטעטיש גאַנג און נאָבל האַרץ האָב איך דערקאַנט זי,
און נאָכגעפאָלגט האָב איך מיין קעניגין אין גלות, די פרינצעסין פון מיין לאַנד,

די לאַנד פון ניט דאָ, די לאַנד פון ניט הי —
אַ קעניגין פון מיין לאַנד, אַ קעניגין פון מיין וועלט,
ווייל אין אירע אויגן האָט אַ שיין „עלדאָראַדאָ״ געהעלט...

ל. טורעצקי

באַגעגעניש

די זון איז קאַלט,
דער הימל גרוי,
איך קלער פון גרינעם וואַלד,
פון פרישן טוי...
דו ביסט ווייט,
און דאָ ניטאָ,
איך קלער פון יענער צייט,
פון באַגעגעניש שעה: —
אין דיין אויג, אין ערשטן בליק
ווערט אַ גלי טאָן אַ טרער, ווי אין זון די טוי...
און דו און זון און איך און גליק,
און גרין און הימעל בלוי —
ווערלן זיך באַגעגענען דאָ,
ווערלן זיך אויפמישן דאָ —
אין יענער, יענער שעה...

ל. טורעצקי

פאַרכישופט

פאַרכישופטע גייען מיר און גייען —
איך, און דו, מיין געשוואָרענע,
דורך לאַנגע דרייענדע אַלייען,
צווישן בעז און קוסטעס געשאָרענע.
דיין סאַמעט האַנט אין מיינער איינגעשלאָסן —
צאַפּלען זיך אונזערע פולסיען ווי פויגלען ניי־געבאָרענע;
פּלוצים בלייבן מיר שטיין. מיט ליכט באַגאָסן —
„ביסטע דאָס מיין געפונענע, פארלאָרענע ?...
דייגע שוואַרצע וויהעס באַדעקן האַלב דיינע ווייס־אפּלען,
איך דער וואָלקן אויפ׳ן הימעל דעם לבנה־שטראל...
ווי פון שלאָף פּלוצים גיסטו זיך אַ צאַפּל
און אין מיינע אָרעמס אַנמעכטיק אַ פאַל...
און פארגליווערטע שטייען מיר און שטייען —
צייט און וועלט־אַנגעוואָרענע,
ביז אין קאָפּ הויבט זיך אָן צו דרייען
און אין הערצער פויגלען ניי־געבאָדענע...

ל. טורעצקי

סיל געווידמעט

מיט טויזענט אויגן האָט געקוקט די נאַכט,
ווען איך האָב דאָס טייכל איבערגעשוואומען;
און ווען אויפ׳ן אַנדער ברעג האָב איך אָנגעקומען —
מיט אָרעמס אָפענע האָסטע אויף מיר געוואַרט.
פון אין פוס האָבן מיר געטראָטן,
האַנט אין אַקסעל אַרומגענומען,
צווישן בוימער בעז, און קוסטעס בלומען,
דאָ אין ליכט, און דאָ אין שאָטן.
ביז צוגעקומען צו אַ זייטיק הויז,
אַריינגעשלייכט אין אַלטען זאַל,
ביסטע צוגעגאַנגען צום ראיאל,
און אַראָבגענומען די איינציק רויז;
און מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן,
האָסטע שפילן אָנגעפאַנגען —
און ווי טויזנט פויגעלאך געפאַנגען
האָבן פון אַ שטייג זיך צופלויגן.
שנעל באַוועגט האָבן זיך דיינע פינגער,
און אַ באַצויבערטער האָב איך געזעסן,
און פון אַלץ, און דער וועלט פאַרגעסן.
געזונגען האָבן טויזנט זינגער —
פון טויט, פון ליבע און פון לעבן,
און געגאָסן האָבן זיך קלאַנגען
ניט פון ערדישע פאַרלאַנגען —
נאָר ווי דער וועלט אינגאַנצען זיך איבערגעבן.
און אַז געענדיגט האָסטע שפילן —
אין גאַס אַרויס האָבן מיר שפּאַצירן,

ל. טורעצקי

דאָס שיפל האָט געוואָרט ביים טייכל שטילן.
אַ לעצטן קוש האָב איך דיר געגעבן,
און פון דיינע אָרעמס זיך אַרויסגעשאַרט,
און מיט טויזנט צינגער האָט געזעצט די נאַכט —
פון טויט, פון ליבע און פון דאָס לעבן.

ל. טורעצקי

מירען

נאָך חלום איך חלומות
ווי פון מעשה ביכעלאך אַרויס,
פון ווייטע לענדער און מקומות
ווי ס׳פלעגט מיר דערציילן די מאַמע אויף איר שויס:
ווי אַ בעטלער און פרינצעסן,
ביידע יונג און באַשיידן —
האָט זיין האַנט אין איר האַנט פאַרגעסן
און געקענט גאָרניט זיך צושיידן.
ווי זי, די הויך געבאָרן
האָט אַ דריי געטאָן איר צויבער רינגל
און פון אַן אָבגעריסענעם בעטלער אינגל
איז אַ יונגער פרינץ געוואָרן.
מיר זיינען מערער ניט פארשיידן
אונזער אורשפרונג לאַנג פאַרגעסן
דו ביסט רוהיק און באַשיידן
דו ביסט די יעניקע פרינצעסן.

ל. טורעצקי

איך און דו — איינס

איך — די שטילע וואַסערן וואָס גראָבן טיף,
דו — די שטורמישע וואָס רוישן אויפ׳ן אויבערפלאַך,
צוזאַמענגעגאָסן זיינען מיר אין איין זאַך —
אויף וועמענס כוואַליעס עס טראָגט זיך אונזער לעבענס־שיף.
ווי אונזערע לעבענס זיינען ניטאָ קיין סאַך;
אויפגעגאָסן, אויפגעפלאָסן אין איין טריף,
אויפגעוואַקסען אין איין האַרץ, אויפגעניזשעט אין איין מאַרך,
איך און דו — צוויי נעמען און איין באַגריף...

אסתר׳ן

ווי אַ פּאָרל גלטשערס אויפ׳ן אייז —
געווינערס פון א ערשטען פּרייז,
טראָגן זיך אונטערן קלאַנג פון וואלץ מוזיק,
אויף אַ העל באַלויכטענע אַרענע; —
אַזוי שיינענדיק פון גליק,
און שוועבענדיק ווי די גליטשערס יענע —
האָבן מיר שוין אַזויפיל יאָרן,
געאָרעמט, גליטשענדיק דורכגעפאָרן,
אין אויגען גליק, דעם קאָפּ הויך געהאלטן —
אויף אן אייזיק לעבענס וועג, גלאַנציקן און קאַלטען.

ל. טורעצקי

אין אלבאם

געדיינקסטו אַמאָל מיט יאָרן און יאָרן,
איך האָב דיר אין אלבאָם ווערטער פאַרשריבן:
„איך וועל דיר אייביק און פלאַמענדיק ליבן" —

ביז'ן אות איז דאָס דאָך מקוים געוואָרן.

אונזערע יאָרן זיינען ווי טויבען געפלויגן —
ווי זוניקע פויגלען אונטער אַ טונקעלן הימעל;
ווי אין אַ חלום אַ זיסן, ווי אין א ליכטיקן דרימעל,
און מיר שפאַנען נאָך אַלץ מיט פלאַמענדע אויגען.

(מירען)

איך גלויב ניט אין באַשערט —
און מיסטישעס איז פרעמד צו מיר,
דאָך זע איך ווי די האַנט וואָס האָט צושטערט —
האָט באַוואוסטזיניק אויפגעפראַלט אַ טיר
און אונזביידן צונויפגעפירט...
דאָס האָט געזאָגט מיין ערשטער בליק,
און דו האָסט אויך אַזוי רעאַגירט —
ביים ערשטן אָוונט, מיט אַ פּאָר טעג צוריק...

ל. טורעצקי

אין זאַוויי

ביים פענסטער געשטאַנען ביסטו און אין דרויסן געקוקט
ווי דער שניי אין גאַס איז געפאלן געדיכט —
דיין מאדאנע פנים באַהעלט מיט שנייענדיקן ליכט —
צו אים האָט מיין האַרץ זיך געקניט און געבוקט.
געארמט, אַרויס זיינען מיר אין דרייענדיקן שניי —
פאַרשאָטן איז דער וועג — קיין ערגעץ ער פירט,
אַ ציטער, געפילט האָב איך, אין דיין ארם פולסירט...
מיר גייען, מיר לויפן אין שנעלן געדריי —
אויף דיינע ברעמען שנייענדיקע בליטן פאלן —
דיינע ווייסלען גרויסן זיך בלוילאך־העל,
דיינע אויגן צום לעבן הילכיק שאלן
און מיין וואָרט ווערט פאַרשטומט אין מיין קעל —
מיר שוועבן אַוועק ווי ווייסע פויגלען צוויי
אין דעם ווייס־בלענדיקן, בלוי־פראָסטיקן זאוויי...

ל. טורעצקי

אַנאַבעל לי — איבערזעצונג פון עדגאַר עלען פּאָ

עס איז געווען מיט פילע און פילע יאָרן צוריק,
אין אַ קעניגרייך ביי דעם ים,
דאָס אַ מיידל האָט דאָרטן געלעבט, אפשר האָט איר געקענט זי
מיט'ן נאָמען אנאבעל לי;
און דאָס מיידל האָט געלעבט מיט קיין אַנדער געדאַנק
ווי צו ליבן און זיין געליבט ביי מיר.
איך בין געווען אַ קינד און זי איז געווען אַ קינד,
אין דער קעניגרייך ביי דעם ים;
נאָר מיר האָבן געליבט זיך מיט אַ ליבע וואָס איז געווען מער ווי ליבע,
איך און מיין אנאבעל לי.
מיט אַ ליבע דאָס באַפליגעלטע מלאכים פון הימעל
האָבן געגלוסט איר און מיר.
און דאָס איז געווען די אורזאַך לאַנג צוריק,
אין דער קעניגרייך ביי דעם ים,
דאָס אַ ווינט האָט אַרויסגעבלאָזן פון אוואלקען, פארקילענדיק
מיין שיינער אנאבעל לי;
אַזוי אַז איר הויך־געבאָרן קרוב איז געקומען
און איר אַוועקגענומען פון מיר,
און באגראָבן איר אין אַ קבר
אין דער קעניגרייך ביי דעם ים.
די מלאכים אין הימעל זיינען ניט געווען אפילו אַ העלפט צופרידן,
האָבן אָנגעהויבן מקנה זיין איר און מיר.
יע! דאָס איז געווען די אורזאַך (ווי אַלע מענטשען ווייסן
אין דער קעניגרייך ביי דעם ים)
דאָס אַ ווינט איז אַרויס פון אַ וואָלקן ביי דער נאַכט,
פארקילענדיק און געהארגעט מיין אנאבעל לי.
נאָר אונזער ליבע איז געווען שטאַרקער ווי די ליבע

ל. טורעצקי

פון יענע וואָס זיינען געוועזן עלטער פון אונז,
און פיל מאָל קליגער פון אונז;
און ניט די מלאכים אין דער הימעל הויך,
און ניט די טייוואלים טיף אונטערן ים,
קען ווען צושיידן מיין זעל פון דער זעל
פון דער שיינער אַנאַבעל לי;
און די לבנה קיינמאָל שיינט ניט ברייגנעגנדיק מיר חלומות
פון דער שיינער אנאבעל לי,
און די שטערן גייען קיינמאָל ניט אויף איך זאָל ניט דערפילן די ליכטיקע אויגען
פון דער שיינער אַנאַבעל לי.
און אַזוי אַ גאנצע נאַכט, איך ליג ביי דער זייט
פון מיין טייערער, טייערער, מיין כלה און מיין לעבן,
ביי איר קבר ביי דעם ים,
ביי איר גרוב ביי דעם רוישענדיקן ים.

ל. טורעצקי

זי לעבט

געליבטע ריידן:
„נאָר דער טויט וועט אונז צושיידן״;
אונז האָט דער טויט —
ניט צושיידט.
ווען דיין ארון אויפ׳ן וואָגן שוואַרצן,
איך האָב וויינענדיק בעגלייט,
האָסטו אין מיין האַרצן —
נאָך ברייטער זיך צושפּרייט.
און איך טראָג דיר, אין מיר אַרום,
מיט אויגן אָפן, צי פאַרמאַכט,
און דאַוון צו דיר פרום,
סיי בייטאָג, און סיי ביינאַכט...

ל. טורעצקי

אַן אָבל

איבער איר בילד ער זיצט געבויגן
אין אַ שפּעטע נאַכטיק שעה
און שעפּטשעט: „זי איז ניטאָ, זי איז ניטאָ"
און טרערן קאַפּן פון די אויגן...
זינט מען האָט איר אַוועקגענומען
און אַראָבגעלאָזט אין טיפער גרוב,
איר רח שוועבט נאָך אַלץ אין שטוב —
ווי זי וואָלט ערשט צוריקגעקומען.

דער רח פון עפּיר און בלומען
שפּירט זיך נאָך אין גאַנצער הויז
און אויפ'ן דיל אַ צוטראָטן רויז
רעדט צו אים אין אַ געשפּרעך אַ שטומען:
„זי איז ניטאָ, זי איז ניטאָ"...
ער זיצט איבער איר בילד אָנגעבויגן
אין אַ שפּעטע נאַכטיק שעה
און טרערן קאַפּן פון די אויגן...

ל. טורעצקי

בין השמשות

אין די בין השמשותדיקע שטונדען
ווען קיינער עפנט ניט מיין טיר —
אומעט און יאוש באַפאַלן מיר
און צינדען אן מיינע אַלטע וואונדען.
זיץ איך דעמאָלט אַליין אין שטוב;
און די וואָס איך האָב לאַנג פאַרלאָרן
קומט ווידער אויף אין מיין זכרון —
און קריכט אַרויס פון נאַסער גרוב.
אירע האָר פריי צולאָזן,
אירע אויגען — פינקלען שטערן
און באַנעצט זיינען זיי מיט טרערען,
און זי שמעקט מיט פיאלקעס, ראָזען.
און זי רעדט קיינע ווערטער,
קוקט אויף מיר מיט אומעט צארט,
נאָר זי ווינקט — „קום, איך וואַרט,
קום שוין קום, מיין באַשערטער".
איך ענטפער איר,
אָן ווערטער שטום:
„אָט באַלד, אָט איך קום"
און פאַרמאַכט נאָך איר די טיר . . .

אויף דער עלטער

דער גרויער עלטער איז געקומען
מיט זיין שאָטענדיקן פּראַכט —
אַרום, אַרום פאַרוועלקטע בלומען
און נענטער רוקט זיך צו די נאַכט.
האַנט אין האַנט איינגעשלאָסן,
דורך לאַנגע ענדלאָזע אַלייען —
דו מיין כלה איך אַ חתן —
גייען מיר און גייען.
הורבעס בלעטער, געלע בלעטער
האָט דער ווינט אויפגעבלאָזן,
און אויף די צווייגן האָט אַ שפּין אַ פּעטע
איר שפּינוועב אויפגעריסן, אויסגעלאָזן.
שמעקט די לופט מיט פאַרפוילטע ראָזן
אַזוי איבעלדיק און זיס און צארט,
און ביי אונזערע פיס — פאַרגלעטע גראָזן
טרוימען אונזערע ליגן פאַרדארט.
אַלע שטעגן שליסן זיך — פאַרהאַקט —
טונקל־שאָטנדיקער ווערט דער וועג
באַלד וועלן מיר אַרויף אויף דעם קעניק־שאָטן טראקט —
אַהין, אַהין צו זיין אייביקן ברעג...

ל. טורעצקי

דער לעצטער

עס רייטן אויף תימאנער זאַמדען, די הייסע
און וויגן זיך אויף אייזלען, רייטער צוויי,
אין ברייטע דזשאַלאַבריאַס געוויקלט, אין גרויסע,
און אויף די קעפּ קופּריאַס טראָגן זיי.
דער עלטערער, א מידער, און קראַנקער,
מיט א באָרד אַ ווייסליך, אַ סיווער,
דער צווייטער — אַ יונגער, אַ שלאַנקער,
נאָר אין די אויגן גלאַנצט אים אַ פיבער:
אַוועקגיין פון לאַנד פון פּלאָגן,
וואָס שנעלער פון תימן זיך אבטראָגן;
נאָר ווי קען מען גיכער, מען קען זיך ניט היילן —
אַז צום ציל איז נאָך דאָ הונדערטער מיילן,
און די אייזלען מיט געמאָסטענע טריט
טרעטן אויף באָדן, וואָס מיט הייסקייט עס גליט.
דער יונגער פילט אונטער דער דזשאַליאַבריא דאָס פּעקל,
דאָס שפּייז, און עטליכע הונדערט ריאַלס אין זעקל,
און קומען צו עטליכע פּאַלמעס דאָרט צו,
גייען אַראָפּ פון די אייזלען, צו נעמען דאָרט רו.
נאָר פּלוצים ווי שאָטענס קומען אָן פון די זייטן,
אַ מחנה בעדואינער, אויף קעמלען זיי רייטן,
מיט ביקסען אין די הענט, גרייט צו דערשיסן
און זאָגן: „אין נאָמען פון נבי און גאָט —
מיר ווילן אומזיסטע בלוט ניט פאַרגיסן —
דערלאַנגט אונז אַלעס, וואָס דאָרטן איר האָט."
זיי בעטאַפּן דעם יונגען, בעטאַפּן דעם אַלטען,
און גאָרנישט געפינען ביי זיי ניט באהאלטען,
און לאָזן זיי איבער די פּיטא און רייז,

ל. טורעצקי

„מיר נעמען ביי הונגעריקע ניט צו זייער שפּייז,
נאָר די אייזלען נאָר, מיר נעמען פאַר זיך"
און אויפ'ן האָריזאָנט פאַרשווינדען זיי גיך.
עס טוט דאָס בלוט אין יונגען ערשט זידן,
די שרעק רופט אַרויס אַ שוויס ביי אים אַ קאַלטן;
אַ דאַנק השם, זיי האָבן אונז ניט דערקענט אַלס אידען,
מורמלען די פאַרחלשטע ליפּען ביים אלטען.
גריס דאָרט מיין ברודער, וואָס איך האָב פאַרלאָרן,
מיין ברודער אברהם מיט צענדליקער יאָרן,
ניט באַשערט מיר אנטרינען פון מיינע שונאים,
און א טויטע בלייכקייט באַדעקט באַלד זיין פּנים.
בנימין טוט דעם אלטען זיין מענטשליכע רעכט,
מיט די פינגער ער גראָבט, די אויגן פאַרטרערט,
באַהאַלט ער דעם מת אין אַ ניט טיפער גרוב:
„אַט דאָ וועט זיין דיין געצעלט און דיין שטוב,
ביזוואַנען דו וועסט פון שלאָף אויפשטיין,
פון שופר געוועקט, צו אַ לעבן אַ נייעם"
און לייגט צוקאָפּענס אַוועק אים אַ שטיין,
„אַ גוטען, אַ גוטען אבו סאלים — רעב חיים!"
דערווייל אין שקיעה האָט די זון זיך פאַרצויגן,
און אין רויטע קאָלירן געמאָלן דעם הימעל,
בנימינען קלעפּן זיך, פאַרמאַכן זיך די אויגן
און פאַלט אַריין אין שווערן, אומרוהיקן דרימעל.
ער כאַפּט זיך אויף ווען געגומען שוין לאַנג טאָגן,
דער שלאָף האָט געשטאַרקט זיין יעטווידער אבר,
און מיט פרישע כוחות ער נעמט זיך יעצט טראָגן,
אַ לעצטער קוק, און צוזעגענט זיך אָפּ מיט'ן קבר.
דריי טעג און צוויי נעכט, ער שפּאַנט אויפ'ן וועג
און ענדליך קיין אל — מאקהא קומט ער יעצט אָן,

ל. טורעצקי

דערשלאָגן זיך אַהער, צום פּאָרט, צום ים־ברעג,
נאָר קאַלט איז אים, און קלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן.
ער ליגט מיט מאַלאַריע צום בעטל צוגעשמיט,
און הערט איבערן ווענטעל, ווי מען זידעלט און שעלט:
תל־אביב, דעם ציוניסט און דעם איד —
און דאָ האָט ער זיך ווי אַ שונא ישראל פאַרשטעלט.
ער איז פון זיין צימערל אַרויס אין דער גאַס,
פון זיין מויל געפלאָסן האָט נאָר דער קאָראַן,
אויף תל־אביב האָט ער געשאָטן שוועבל און האַס,
די רייד האָט זיך געגאָסן ביי אים פון אַ קראַן.
און אַז אין גאַסט־הויז ער איז אַריין,
און דערזען אין אַ ווינקעל דעם קרומען איבראהים,
ווי אין געהיים ער טרינקט אַ גלעזעלע וויין —
געצאָרענט, פרום געמוסערט האָט ער אים.
איבראהים האָט געאַרבעט ערגעץ אין פּאָרט,
און אַרומגעפאָרן אויף שיפן, אויפ׳ן רויטן ים;
איבראהים וועט אים נעמען ערגעץ אין אַ אָרט,
זאָל ער דאָרט שפרייטן דעם הייליקן פלאַם.
און איבראהים איז אַרויסגעפאָרן אויפ׳ן ים אויפ׳ן רויטן,
און מיטגענומען בנימינען ער זאָל אים בעגלייטן,
און ווי בנימין וואָלט פאַרגעסן זיין אייגענעם שטאַם —
געשאָטן אויף זיין אייגן פאָלק, שוועבל און סם:
ריינוואַשן מוז מען זיך פון עקל און שאַנד,
און באַפרייט מוז ווערן דאָס הייליקע לאַנד.
די שיף אין ריאַד איז געבליבן יעצט שטיין,
און מיט אַ גרופּע אַראַבער האָט ער זיך באַגעגענט,
און זיך אָנגעשלאָסן, אַ שטאָלצער, אין פאטהא פאראיין;
און מיט איבראהים, ענדליך האָט ער זיך צוזעגענט.
און אַז אין עגיפּטען ער איז געקומען צופאָרן,

ל. טורעצקי

האָט מען אים אייראָפּייאישע קליידער געגעבן,
ער איז פאר פּאַטהאַ אַן אָראַטאָר געוואָרן,
און גערופן פאַר דזשיאַד דאָס לעבן אָבגעבן.
און געקראָגן פאַר דער אַרבעט עטליכע דינאַרן.
נאָר איינמאָל אין קאַירא פאַר אַ וויטרינע ער איז געשטאַנען,
אין דער פרי, מען האָט נאָר וואָס גענומען די שטארן פארשארן,
און דערזעט דאָ די חפצים וואָס זיינען פאַראַנען
ער האָט נאָך, אין סאנא, פאר זיין אייגענעם טאַטן,
געהאָלפען צו מאַכן, די זילבער צו שלייפן,
מתנות און צירונג פאר'ן רייכען און זאַטן,
איידער זיי האָבן פון לאַנד גענומען אנטלייפן.
נאָר ער אין לאַנד אַליין איז געבליבן,
צושלאָגן פון עטליכע אַראַבישע געזעלען,
און אין מדבר אין ערגעץ צו די בעדואינער פארטריבן,
ער האָלט זיך ביי זיי, ער איז זיי געוועזן געפעלן.
ער גייט אַריין אין געשעפט, ער עפענט די טיר,
עס בויגט זיך פאַר אים דער אראבער אין פיר:
„איך בין דער אַלטער אבו בען־אדהים,
און ווער איז מיין האר", ער לאָזט אַראָפּ זיין שטים,
„דו ביסט ניט אַהיגער, עס זעט דאָס מיין אויג",
בנימין גיט זיך פאר אים יעצט אַ בויג:
„איך בין פון סאנא, אַהער דאָ געקומען,
מיין נאָמען איז מאכמעד על־אַראַן,
איך האָב די שבועה פון דזשיאַד אָנגענומען —
עפשער ביי אייך איז פאַר מיר אַרבעט פאַראַן?
מיר האָבן פון די אידען געיאַרשענט זייערע זאַכן,
און אויך איבערגענומען ביי זיי זייערע פאַכן".
„איך זע באמת אַז דו ביסט קיין איד",
און ער דערלאַנגט אים אַ שטיקל פילבער אין האַנט,

„נאָר לאָמיר זען צי דו ביסט אַ גאָלד־שמיד",
און זאָגט: „מאַך עפּעס וואָס מען מאַכט אין דיין לאַנד";
בנימין נעמט דאָס זילבער און וועלגערט דאָס דיק,
און קלאַפּט דאָס, און האַמערט אויסעט די זאַך.
אבו אהדים וואַרפט בליקן, אַהער און אַהין,
און בנימין דערלאַנגט אים די זאַך אויפ׳ן האַנט פלאַך.
אַ פּאַרבאַרגענער פּייערל ביי אבו אהדים צינט זיך אָן,
ער נעמט אים פאַר אַ העלפער, ער שטעלט אים יעצט אָן,
ער גיט אים אַ וואָהנונג, ביי זיך אין זיין הויז;
און בנימין גייט אין גאָס יעצט אַרויס.
אין גאָס: נאָסער און נאָסער די מענטשען, זיי שרייען,
די אויטאָס לאָמפען פאַרפאַרבט זיינען שוואַרץ,
אַן אומרו באַהערשט אים פון דעם בעקאַנטען, דעם נייען,
עפּעס נאָגט אים אַ שרעק אין דער האַרץ.
אבו אהדים בעטראַכט אים, ווען ער זיצט ביים ווארשטאט,
בנימין קען ניט זיינע בליקן פאַרנעמען,
ער קלערט — ער אים חושד, עפּעס איז ניט גלאַט,
אהדים פרעגט צי ער קען אין סאַנאַ עטליכע נעמען.
צי ער ווייס אין סאַנאַ געוועזן איז אַ איד,
געוועזן איז דער יאהוד אַ גאָלדענער גאָלד־שמיד,
זיין נאָמען איז געווען אבו־סעלים, רעב חיים;
און קוקט שטריינג אין די אויגן דעם פריינד זיינס דעם נייעם.
בנימין ענטפערט: „איך האָב אים בעגראָבן אַליין",
און ביי אהדים טרערן בלייבן יעצט שטיין.
און ס׳כאַפּט זיך אַרויס ביי בנימין — שלום!
און אַכמעד ענטפערט: „איך בין זיין ברודער אברהם".
און ס׳כאַפּען זיך אַרום אַלט און יונג —
און ס׳ווערט ניט מיד צו ריידן דער צונג.
דער אַלטער קוקט זיך אַרום, אַהער און אַהין,

און זאָגט: „מיר אַרבעטן דאָ פּאַר ישראלס בעט שין.
פון מאָרגען אַ וואָך וועלן זיי קומען קיין שווראַן,
און מיטנעמען עטליכע געפאַנגענע פון אָרט,
טו אָן דיין דזשאַלאבריא, און פרעדיג קאָראַן
און זיי וועלן אויך דיר מעטנעמען דאָרט".
ער איז אָנגעקומען אין צייט קיין שווראַן,
און די ישראלים האָבן באַפאַלען זיי אין אַ נאַכט,
אין העליקאָפּטערס געקומען, מיט געווער און מיט מאַכט,
און אויף הונדערט פּראָצענט אויסגעפירט דעם פּלאַן.
און אַז מען האָט אים אַ געפאַנגענעם אין לאַגער געבראַכט,
האָט ער פאַר די אויגן פון די איבעריקע אַ ויברח געמאַכט,
און אויף טויט האָט מען דערשאָסן אַכמעד על אראן —
נאָר בנימין לעבט אין לאַנד איז ער פאַראַן...
געפונען דעם טאַטען, געפונען דער מאַמען,
געפונען דאָס שוועסטערל, זי איז אַ טענצערין געוואָרן,
און אַלע קרובים, זיי לעבן יעצט אין אַ קיבוץ צוזאַמען,
וועלכע ער האָט געמיינט, שוין לאַנג זיי פאַרלאָרן.
ער אַרבעט אין ישראל יעצט פאַר׳ן בעט שין,
און ריידן צו אַראַבער נעמט יעצט אים,
און אויף יענער זייט גרענעץ מען נעמט אים אַהין —
און אויף אַראַביש אין הילכער דונערט זיין שטים.
אויף טויט איז דערשאָסן אַהמעד על אַראַן —
נאָר בנימין ער לעבט, אין לאַנד איז ער פאַראַן.

ל. טורעצקי

דער פּאַרמער

אויף יענער זייט האָדסאָן, אַלץ ווייטער פון צפון,
דער וועג איז אַלץ געדרייטער געלאָפן,
דורך פעלדער, דורך וועלדער, אויף זאַמדיקן באָדן,
פאַרביי גערטנער און סעדער מיט פרוכטן באַלאָדן,
און אַ זייט ביי אַ וועלדעל פון נאָדל־בוימער אַ קליינעם,
דאָרט צווישן בוימער, אויף אַ פּלעצל אַ ריינעם
געשטאַנען איז אַ הייזל אַליין און פאַרלאָזן,
אַרומגערינגעלט מיט קוסטעס מיט הויכינקע גראָזן,
דאָרט האָט געוואָהנט אַ מענטשל אַליין,
ווילס׳וויב אין שטאָט איז געבליבן נאָך שטיין,
ביזוואַנען ער וועט אויסבויען שטעלכעלאך פיר
און נעמען האָדעווען הינער, און זיך געבן אַ ריר.
פאַרטאָג פלעגט ער זיך אויפכאַפּן פון געלעגער גאַנץ פרי
און גלייך זיך גענומען צו זיין אַרבעט, זיין מי;
די אַרבעט ביי אים האָט געברענט אין די הענט,
ווי שנעל זיינען געוואקסן דילען און ווענט;
אַ כפרה דאָס עסן, געלאָזט דאָס אויף שפּעטער,
דערווייל קלעצער געשניטן, געזעגט פון זיי ברעטער,
און ווען פאַרטיק זיינען געוואָרן די שטעלכעלאך פיר,
ערשט, פלוצים, פאַרנאַכט האָט זיך געעפנט די טיר,
אַ פאַרמער, אַ שכן האָט זיין וועג אין וועלדל פאַרלאָרן
און אָהער מיט זיין פערדל געקומען, פאַרפאָרן.
„שלום עליכם! וואָס מאַכט איר אַליין דאָ אַ איד?
איך אַליין קום יעצט פון שטאָט, פון יאריד,
פאַרבלאָנדזשעט אין וועלדל, איך וואָהן דאָ דאַנעבן —
זאָל גאָט אין דער אַרבעט אייך הצלחה נאָר געבן,
דאָס הייזל אייערע דאָ שטייט שוין מקדמונים;

ל. טורעצקי

מיט דעם שכן דעם אַלטן געווען זיינען מיר שכנים,
און אַז איר וועט דאַרפן הינער צו קויפן
דאַרפט איר ניט זוכן, צו פרעמדע ניט לויפן —
איך האָב הינער מיט רויטע, מיט פלאַמענדע קאַמען
און פון גרויסן יחוס זיינען זיי, פון מאונט האפ זיי שטאַמען
און איין זאך מוזט אַלע מאָל וויסן, געדיינקען
אַז די הינדעלאך קענען גילדערנע אייערלאך שיינקען,
איך וויס זייער יחוס, איך קען זייער מאַמען,
מיר וועלן נאָך טאָן געשעפטען, מיר בײדע צוזאַמען".
און אַז אין גאַס איז אינגאַנצן שוין פינסטער געוואָרן
דאַן איז דער שכן מיט׳ן פארדל אָבגעפאָרן.
אַז אונזער בויער האָט זיין מיזערנעם מאַלצייט אָבגעעסן
האָט ער פאר זיך אַ זאָג געטאָן — גענוג שוין געזעסן —
און געגאנגען צום געלעגער זיך לייגן שוין שלאָפן;
נאָר די ווערטער פון שכן האָט אים ווי אַ האמער געטראָפן —
הינדעלאך קענען אייער גילדערנע שיינקען —
ווי גוט צו דעם האפן, ווי גוט צו דעם ביינקן.
און איז איינגעשלאָפן גלייך פון דער אַרבעט אַ מידער
און די זיסקייט פון שלאָף האָבן געלעגט זיינע גלידער.
און ווי נאָר איז געוואָרן ליכטיק, באַגינען
איז אים די גילדערנע אייעלאך געקומען אויפ׳ן זינען.
א׳ז ער אַרויסגעקומען אין דרויסן, ערשט פון דערוויטן
דערזען האָט עמיצן אויף אַ פערדל דאָרט רייטן,
באַגריסט האָט ער דעם פרעמדן: „וואו קומט איר פון וואַנען״?
געענטפערט האָט דער פרעמדער — „מען זאָגט אַז פאַראַנען
דאָ, צווישן די נאַדלדיקע בוימער די גרינע,
בלעטערנדיקע בוימלאַך בויגיקע, דינע,
און אפשר נאָך גוטינקע זאַכן,
איך וועל שטעקענס פאַר מיינע ווענטקעס מיר מאַכן,

ל. טורעצקי

אַ פאַרמער בין איך און וואָהן ביים סאַמע ים,
און אַ ווייב און קינדער לעב איך מיר איינזאַם,
אויפגעשטעלט האָב איך דאָרט מיין געצעלטל
און פאַרברייננג איך, פערתכל׳ווע מיין וועלטל;
איך האָב עטליכע הינער, אַ בעטל, אַ טישל
און אַ מאָל אין ים כאַפּ איך אַ פישל,
קומט אַ מאָל צו מיר, ביים ים, מיר באַזוכן״
און עסן מיינעם אַ פישל, איר מעגט עס פאַרזוכן.
אַז ער האָט דאָס אָבגעזאָגט איז ער נעלעם געוואָרן.
דאָן איז אונזער בויער אין זיין שעוועל געזעצט זיך, געפאָרן
צום אויטאָבוס, צו זיין ווייב וואָס האָט
געקומען צו פאָרן פון גרויסינקער שטאָט,
און צום באַגעגענען איר ניט געבראַכט קיין שום בלומען —
נאָר אַ שמייכל אַ זיסן, אַ שמייכל אַ שטומען;
און אויפ׳ן וועג אַהיים אין אַ קראָם זיך אָבגעשטעלט —
איינקויפן שפייזן וואָס אין הויז האָט געפעלט.
געקומען אין הייזל האָבן זיי ביידע אָבגעגעסן,
און לאַנג נאָכדעם האָט ער ליידיק ניט געזעסן
און צוגעגאַנגען וואו אויסגעהאַקט בוימער געלעגן —
זיי אין שייטלעך האַלץ אויף ווינטער צו ברענען אָנגרייטן.
און אין עטליכע טעג דערנאָך זיינען אַריבער
און געשטאַנען איז אַ טאָג אַ קאַלטער, אַ טריבער,
און דער שכן האָט געבראַכט הינער עטליכע הונדערט,
אַלץ ווייסינקע אַלע, האָט דער בויער זיך געוואונדערט,
צוטיילט זיי, געגעבן זיי טרינקען און עסן.
זיי האָבן די האָבער שנעל אויפגעפרעסן,
און די הינער האָבן לאַנגזאַם צושיידט זיך, צוגאַנגען
צו רוען און דרעמלען אויף די אָנגעקלאַפּטע שטאַנגען.
אויף מאָרגן ווען די זון האָט זיך דורך וואָלקענס דורכגעבראָכן

ל. טורעצקי

וואָס די הינדלאך געלייגט האָבן אַ גאַנציקע נאַכט
און עטליכע צענדליק אייער אין הויז אַריינגעבראַכט.
געוועזן שוין טעג אייער הונדערטער געפונען,
נאָר ניט געפרייט האָט דאָס אים, אַלץ דעם חלום געשפונען
פון גילדערנע אייעלאך נאָר דאָס גליק איז ניט געקומען,
און אַרומגעטראָגן זיך מיט אַ פּאַרדראָס מיט אַ שטומען;
נאָר איינמאָל, ווינטער, געדרייט האָט דער שניי,
דער ווינט האָט געבלאָזן, געוואָרן אַ זאַוויי —
איז ער אַרויס צו זען ווי די הינער דאָרט לעבן
צי ניט פאַרפאָרן די וואַסער און עסן זיי געבן,
מיטאַמאָל האָט דער האָן געגעבן אַ קריי —
ערשט אין נעסט איז געלעגן אַ גאָלדערנע איי;
גענומען די איי אין הויז אַוועקגעטראָגן
און אָנגעזאָגט דאָס ווייב קיינעם ניט דערציילן, ניט זאָגן
אַז מיט זיי אַ זעלטענער גליק האָט פּאַסירט,
נאָר זיין ווייב האָט געקלערט אַז ער איז פון זינען גערירט —
זי קוקט און זי זעט אַ ווייסינקע איי —
ווי אין דרויסן איז ווייס דער געפאַלענער שניי;
מיטאַמאָל, האָט ער געגעבן איינעם וועלטיקן בליק
און אַ געשריי געטאָן: „פאַרשאַלטן בין איך, צושמאַלצן מיין גליק,
אוי וויי! איך האָב דאָס אין שניי דאָך פאַרלאָרן,
געוועזן איז דאָס אייעלע געל ווי די קאָרן
וואָס איך גיב די הינער גלייך אינדערפרי,
אַרויסגעוואָרפן מיין אַרבעט איז, געפּאַטערט מיין מי״.
און די גאָלדערנע איי איז ניט אַראָפּ פון זיין זינען,
געזוכט דאָס ביי טאָג, געזוכט דאָס באַגינען
און ניט זעלטן גילדערנע אייער געפונען,
נאָר געוועזן דאָס בלויז חלום, אין פרי מאָרגן צורונען;
און אַזוי איז דער ווינטער צוביסלאך אַנטלאָפן

ל. טורעצקי

אונזער בויער האָט ווייניק געגעסן, געשלאָפֿן,
און אַז עס איז געקומען דער פרילינג, געשטעלט זיך אַ גרינער
איז אונזער בויער געוואָרן אַלץ מאָגער אַלץ דינער,
און די ווייבל האָט גענומען שטאַרקער זיך זאָרגן,
און אָפטמאָל אַ טרער געלאָזן פאַרבאָרגן,
און אַז עס איז געקומען דער וואַרעמער זומער, דער ליבער
און דער מאַן איז געזעסן אַן אומעטיקער, אַ טריבער —
זי וועט שוין די הינער אַליין געבן קאָרן
זאָל ער צום ים זיך אַביסל דורכפאָרן.
און אַז ער איז אין שעוועל צום ים אָנגעקומען
איז די זון געשטאַנען אין הימעל שוין הויך
דערזען האָט ער אַ הייזל מיט אַ קוימען אַ קרומען,
פונוואַנען, געשפּאָרט האָט זיך אַ גערדיכטערער רויך,
און אויף אַ ביינקעל אַ קאַליקן, צושפּאַלטן, צובראָכן,
אין דרויסן, איז געזעסן דער פישער, דער שכן.
„גוט, זייער גוט וואָס איר זיינט געקומען,
איך וועל אייך טאַקע ניט אויפנעמען מיט פּאַראַד און מיט בלומען,
נאָר דאָ קענט איר זיך פילן ווי ביי דער אייגענער מאַמען,
ניטאָ דאָ קיין מענטשען, ניטאָ דאָ קיין צאַמען,
איר קענט זיך אויסטאָן דאָ נאַקעט, איר דאַרפט זיך ניט שעמען,
איך וועל נאָך אַ פּאָר וועגדטקעס מיט מיר מיטצונעמען,
וואָס קען דען אַ מענטש אין אַזאַ טאָג מער פאַרלאַנגען
ווי מיט די פיס אין וואַסער שטיין און פישעלאך פאַנגען,
און ס'קומען אַמאָל פישער דאָ און אָט וואָס זיי זאָגן —
אַז די פישעלאך דאָ אָפּט פערעלאך טראָגן".
און ער האָט אים געלערנט ווי דעם פאָדים מיט'ן העקל פאַרוואַרפן,
מיט אַ וואָרף מיט אַ שנעלן, מיט אַ גיכן, אַ שאַרפן
ניט לאָזן ס'פישל פון העקל זיך אַרויסרייסן,
אַרויסשלעפן אין צייט ווען דער פישל הויבט אָן בייסן.

ל. טורעצקי

מען איז צוריקגעקומען צום הייזעל, געזעצט זיך צום טישל.
דער פישער האָט אויסגעבראָטן זיך און אים אַ פישל,
פאַרטרונקען מיט טיי אַ גלעזל — אוי אַ מחיה!
און דאָ האָט זיך ביי אים באַזעצט אַ מחשבה אַ נייע;
דער פישער איז דאָך אַ גוטער און טייערער קערל,
און מען דאַרף טאַקע זוכן ביי די פישלאך די פערל.
טאָג נאָך טאָג אַ גאַנציקן טאָג דאָ פאַרבראַכט,
אַזש אין אָוונט געקומען אריים אויף דער נאַכט,
געכאַפּט אַמאָל אַ פישל און אַמאָל גאַנצע צוויי,
געבראַכט אַהיים און קיין פערל געפונען אין זיי.
ער שטייט אויף פאַרטאָג, איידער דער האָן גיט אַ קריי,
און זוכט אין די שטעלכעלאך די גאָלדערנע איי;
מען זעט אים פאַרטאָג, דורך וועלדער געקראָכן,
זיין שעוועל איז שוין לאַנג אין שטיקער צובראָכן —
צום ים זוכן פערל, צו פאַנגען אַ פישל;
נאָר ניטאָ שוין לאַנג ביי אים ברויט אויפ׳ן טישעל,
צופגר׳ט אין די שטעלכלאך שוין לאַנג זיינע הינער,
און ער קריכט אַלץ אַ מידער, אַ גרינער —
ער נישטערט און זוכט אַלץ, חסר דעה, אוי וויי!
די פערל בלייבט ניט געפונען און ניט געפונען די איי.

ל. טורעצקי

אַ באַלאַדע וועגן דער פרוי מיט דער גלעזערנער אויג און דער קאַלמיק

דאָ ניט ווייט, גלייך ביים האַנט —
אין אַ ווילד עקזאָטיש לאַנד,
אין אַ טורעם הויך און גרוי
געלעבט האָט אַ איינזאַם פרוי.
געהאט האָט זי אַן אויג פון גלאַז
און גראד אַ שיינעם רוימיש נאָז
און אויפן שטערן קיין האָרן
נעבאַך אַזוי געווען געבוירן...
און אַ שטאַרק צושפּאַלטן פוס
וואָס אַ כינעזער צי אַ רוס
האָט צובראָכן גלאַט אַזוי...
נאָר אויגען האָט געהאט די פרוי
ווי אויף רויזען אין דער פרי דער טהוי
וואָס גלאַנצט אין פרימאָרגען
אויף אַ קוסט ערגעץ פאַרבאָרגען...
און אָט די מאָדנע. מאָדנע פרוי
האָט געלעבט אָט אַזוי,
האָט געלעבט אָט אַזוי
מיט אַראָפּגעלאָזטע שטארן
ערגעץ אויפן פערטן גארן
מיט שלעסער דריי אויפן טיר
און אויפן פענסטער גראטעס פיר.
און באַזוכער האָט געהאט די פרוי
ניט קיין איד און ניט קיין גוי
נאָר אַמאָל אין אַ שמיטה בלויז
באַזוכט האָט איר אַ פעטע מויז,

ל. טורעצקי

וואָס פלעגט קוקען דורך אַ רער
און אַרומלויפען הין און הער...
נאָר איין מאָל מיט אמאָל — ניט מיר ניט דיר,
עפּעס קלאַפּט אימיצער אין טיר;
פון ווייטאָג קרעכצט איר צושפּאַלטן פּוס,
און זי קלערט צי ניט דער רוס
קומט ניט טאָן אַזוי צו דער אַנדער פּוס...
נאָר אַ געפיל אַ ריין רעליגיעזער
כאַפּט אַרום איר — אַז דער כינעזער,
דער כינעזישער קאַלמיק,
שטייטביים טיר דאָ מיט אַ פּאַק מיט גליק,
און זי גיט זיך שנעל אַ ריר
און עפּענט ברייט פאַר אים די טיר...
און ער לויפט אַריינעט שנעל
און עס ווערט אַרום אים ליכטיק העל
און דער אייניקעל פון דשינגיס כאַן
בורטשעט עפּעס: סאַן. סאַן סאַן,
און ער בינט זי ווי מיט אַ שטריק
מיט זיין קאַלמיקיש קרומען בליק...
אָט דער אייניקעל פון רויבער
מיט זיין כישוף מיט זיין צויבער
רעדט געהיימע עפּעס ווערטער —
און זי קלערט: דאָס איז מיין באַשערטער...
און ער נעמט זי גלייך אַוועק.
אַרגעץ ווייט אין דשויזיהעק —
איבער טייכן איבער בריקען
אין דער לאַנד פון די קאַלמיקען.
און ער ברענגט זי אין זיין געצעלט
און דאַנקען בודאָן ניט פאַרפעלט

ל. טורעצקי

און אויפן טיש יעדוויק *), טאסין *)
שטעלט אַוועק אָט דער חתן,
און רופט ניט קיינעם קיינעם
נאָר עס קומען אָן די שכנים
און מען טרינקט קאַלמיצקען טיי,
און מיט בליקען שלינגען זיי
אָט די וואונדערבאַרע כלה
און סאן סאן **) זיינען מסכים אַלע...

*) יעדוויק = ברויט. *)טאסין = פוטער.
**) סאָן = גיט.

ל. טורעצקי

אַ באַלאַדע וועגן אַ פרוי וואָס נייט

ביים שטעטל פון לייקוואוד,
אין די הייזער פון פיינוואוד,
וואו באַזעצט האָבן זיך מענטשן
פון דאָרף און פון שטאָט,
וועלכע דאַנקען און בענטשען,
טעגליך, דעם נאָמען פון גאָט —
וואָס ער האָט זייער לעבן באַנייט
און פון אַרבעט און מי,
און פון אויפשטיין גאַנץ פרי
זיי ענדליך באַפרייט.
נאָר איינע אין שטעטל פון לייקוואוד,
אין אַ הויז דאָרט אין פיינוואוד,
כאַפּט זיך אויף גאַנץ באַגינען,
זי דאַרף ניט גיין אין ערגעץ פאַרדינען,
נאָר עפּעס מיט איר איז עטוואָס געטראָפן —
ווען אַלע מענטשען אין פיינוואוד,
אין שטעטל פון לייקוואוד
ליגן און רוהען, ליגען און שלאָפן —
מוז זי זיך איילען, שנעל ניט פאַרזאַמען
אויפשטיין גאַנץ פרי,
ניט זיך געוואַשן, ניט זיך פאַרקאַמען,
זי נעמט זיך צו דער אַרבעט, מיט חשק אָן מי.
די אויגען האַלב נאָך פאַרשלאָפן —
צולייגט זי אויפ'ן טיש, די שער און די שטאָפען,
צי לייוועגט, צי סאַמעט, צי זיידען
און נעמט זיך, פאַר זיך, אַ קליידל צושניידען.
די שער גליצט זיך שנעל אין ביי איר אין די הענט,

ל. טורעצקי

דאָס אַרבעט מיט חשק, מיט פייער ס׳ברענט;
זי שוועבט אַרום טיש ווי אַרום האָניק אַ בין.
און אַ גאַנציקען טאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט —
זי נייט פאַר זיך קליידער אויפ׳ן זינגער מאַשין.
מיט אויגען ניט צופּענט, מיט אויגען האַלב פאַרמאַכט.
און ווען זי ענדיגט דאָס איינע
נעמט זי זיך צו אַ צווייטע —
און אַלע שראַנקען אין הויז מיט קליידער פאַרפּילט,
קליידער קאָלירטע און גרינע און רויטע —
די ברכה פון אַ מאָל ווערט יעצט דאָ פאַרפּילט:
ווען זי איז אַ קליין מיידעל דאָן נאָך געווען,
עס איז געוועזן ביינאַכט, עמיצער קלאַפּט אין דער טיר,
אין דרויסן האָט געקנאַקט אַ פּראָסטיקער ברען.
פון יענער זייט הערט זי אַ שטים: — עפען מיר.
עס קומט אַריין אַ בעטלער, פאַרשנייט,
ער זעצט זיך ביים טיש, ערשעפּט איז ער און מיד;
זי לייגט אַוועק ס׳קליידעלע — פאַר דער בובעלע זי נייט,
זי דערלאַנגט אים עסען, דעם לאַמעדוואָווניק, דעם איד,
ער לייגט די הענט אויפ׳ן קאָפּ פון ס׳מיידעל
און בענטשט זי — אין לעבן זאָל דיר קיינמאָל ניט פעלן אַ קליידעל;
די ברכה איז יעצט נאָר מקוים געוואָרן,
נאָר פאַרשפּעטיגט האָט דאָס אויף צענדליקער יאָרען.
זי מוז דאָך דאָס אַרבעט וואָס שנעלער אָניאָגען —
שפּעט אין דער נאַכט און פרי אין פאַרטאָגען
הערען די שכנים עס זשוזעט אַ בין —
דאָס נייט זי און נייט אויפ׳ן זינגער־מאַשין...

ל. טורעצקי

די מעטראָפּאָליע

זייגען אַראָבגעקומען מענטשען פון יענער זייט ים,
ווי היישעריקן מחנות, אַזוי דרייסט און געדיכט,
און באַפאַלן דאָס לאַנד, ווי די וועלף, אַזוי גרויזאַם —
ווען ווינטער פון הונגער אין מחנות געפירט.
די נויט האָט באַגעגענט די געסט אויף ים'ס ברעגן,
און האָט די טירן פון מוט אין זייערע הערצער צופראַלט —
האָבן די מחנות זיך געלאָזן צו דער ווילדערניש אַנטקעגן —
און ס'האָט געפלאַטערט די פאָן פון פאַרניכטונג און גוואַלט.
צום וואַלד, צו דעם וואַלד, צו דעם אוראַלטן וואַלד —
צולייגענדיק בוימער, דורכרייסענדיק וועגן —
האָט צושטערונג געשפּאַנט, און אַ הימן געשאַלט —
דורכ'געבלאַנקט פון די העק און געקלאַנג פון די זעגן.
נאָר אונטערן מאַנטל פון גוואַלד האָט מיט צאַרטקייט געוויִט,
ווען הענט האָבן שטיקער געשיילט פון דער נאַכט,
האָבן פינגער, מיט ליבשאַפט, גייע זאַמען געזייט,
האָבן הערצער געביינקט, האָבן אויגן געוואַרט.
ווען די נאַכט איז צופאַלן און פרימאַרגן איז געקומען,
און דער ים איז געלעגן באַזילבערט אין שוים —
איז דאָן אַ יונג-חיה פון ים אַרויסגעשווומען,
אַ קינד פון מוטער אַרבעט און פאָטער'ס טרוים;
און געבליבן ליגן ביים ים ברעג. אין שאָטן פון בוימער,
מיט די פיס אונטער זיך, אונטערן הימעל אַ קלאָרן,
וואַקסנדיק אין דער פלאַך, ווי נאַכן וואונש פון אַ טרוימער,
מיט אַ קערפּער באַוועגלאַז, מיט גלידער פאַרפאַרן.
די מחנה איז אַרום געשטאַגען מיט שיינענדיקע אויגן,
געקוקט ווי איר בלוט האָט געקילט, געגליווערט ווי וואַקס,
ווי איר הויט האָט פאַרהאַרטעוועט, ביז וואַנען ס'האָבן זיך געצויגן
אויף איר קערפּער, די מחנות מיט פערד און מיט אַקס.

ל. טורעצקי

און זיינען געקומען צורייטן די וועלען פון ים,
געגלעט און געלאסטשעט אירע פאַרפאַרענע גלידער,
און דער וואַלד האָט איבער איר געשאָקלט זיך לאַנגזאַם,
און געזונגען זיינע טרויעריקע, אוראַלטע לידער.
און די מענטשן זיינען צוזאַמענגעקומען פון ים ברעג דעם נאַסן,
אויף איר קערפּער געקראָכן, זיך צולייגט ווי אויף אַ פעלד,
אויף איר לייב זאָמען געזייט, און אויסגעטראָטן גאַסן;
און זי האָט זייער לייבער געשיצט, מיט איר לייב זיי פאַרשטעלט.
דער נייער דור האָט שוין פאַרגעסן אַז אונטער די פיס ליגט אַ וועזן,
ווייל פון אויבן האָט דער הימעל געשיינט ליכטיק און בלוי,
פון אונטען האָט געשפּראָצט מיט בלומען און גראָזן,
וואו ס׳פלעגט פינקלען אין זון אין פרימאָרגן דער טוי.
אין גערטנער פלעגט זיך אָנגיסן דער וויין אין די טרויבן,
און איינצוויבערן מענטשן אין זיסקייט פון דרימעל,
פלעגט מען אַרומגיין אויף ווייכקייט פון סאַמעט, אין שטילקייט פון טויבן,
און ניט וויסן צי שכור פון וויין צי פון בלויקייט פון הימעל.
און אָפּטמאָל פלעגן גלעקער זיך צולאָזן אין געקלאַנג,
און אויפרופן מענער פון פעלד און פון בייט,
די פרויען פלעגן דאַן וואַרפן ס׳שפינדעל און קנויל,
און ס׳פלעגן זיך אַרויסלאָזן אַלטע לייט מיט פיפקעס אין מויל;
אין גאַסן האָבן זיך געטראָגן פרייד און געזאַנג.
און מחנותווייס געשוואומען מיט פרייד און געלעכטער
דורך די גאַסן צום ים ברעג, וואו געסט פון אַ פרעמד לאַנד —
האָט מען שלום געשטעקט, און דריקענדיק די האַנט —
פלעגן זיך רויטלען די יונגע קלאָר-אויגיקע טעכטער.
און ס׳פלעגן אָנקומען אין די פאַרנאַכטן אויפ׳ן וועג, אויפ׳ן ברייטן
די פאַסטוכער, ווי זיגער, מיט די שאָף און לעמער,
מיט די בייטשען אין די הענט, מיט געפייף און אַ זמר
פלעגט זיי מחנותווייז קינדער באַגלייטן.

ל. טורעצקי

און שיפען פלעגן קומען צושווימען פון דער ווייט
און ברייננגען עקזאָטישע סחורות צופירן,
פון מזרח געוועבן, סאַמעט און זייד,
און טאַבאַק און פלאַקס צוריק אָוועקפירן.
איינגעטונקט אין לעבן, פלעגט דער האפן דאַן בליען,
סחורות פלעגן ווערן געמאָסטען, געצאָלט,
מונטער פלעגן די מאַטראָסן די לידער דאַן ציען,
ווען בלאַנקען און פינקלען פלעגט קלינגען ס׳גאָלד.
אויפ׳ן פינפטען דור האָט איינמאָל, אויפ׳ן מאַרק זיך באַוויזן
מאמאַן, מיט זיין סוויטע, פון מענטשן מיט שפּיזן,
און געהייסן פון דער חיה די סעדער אָרומשערן,
ס׳האָט ניט געהאָלפן קיין בעטן, ס׳האָט ניט געהאָלפן קיין טרערן,
ער האָט זיי מיט אַ קללה פאַרשאָלטן, און מיט אַ שבועה פאַרשוואָרן
זילבער צו קלייבן און גאָלד אין קופּעס אָנלייגן.
האָבן זיי גענומען די חיה פון איר אינגעווייד דראָטן פאַרצויגן —
האָבן זיי די סעדער צושאַרן, די אָלייען צושניטן,
האָבן זיי טייכן צוברייטערט, און אויפגעשטעלט בריקן,
און זעגל שיפן אויף סאַפּענדיקע מאַנסטערס פאַרביטן,
און אויף פעלדער געבויט גוסארניעס, גלאָז און אייזן פאַבריקן.
און מאַמאַן האָט איר באַשוואָרן, וואַקס העכער און גרעסער.
האָט זי זיך אויפגעשטעלט פון שלאָף, צושפּרייט אירע זייטן,
זיך צוגערוקט צום ים, איינשניידענדיק ווי מיט אַ מעסער,
זיך איבערוואָרפן איבער אים אויף אַ אינזעל ניט ווייטן.
און ווען דער ים האָט זיך אָנטקעגן געוואָרפן מיט שוימענדיקע צינגער,
גערעוועט, זיך געריסן פון שרעק און פון כעס,
זיינע כוואַליעס צושויבערט, מיט טויזנטער פינגער,
געשוואָרן נקמה און אייביקן האַס;
האָט אים מאמאַן מיט צעמענט פאַרגאָסן, פאַרצוימט מיט גראַניט,
און מיט אייזענס באַפלאַנצט דער חיה׳ס קאָפּ און געדערים;

און געלאָזט קריכן אויף זיי באַנען ווי ווערים;
איר גוף באַשטעקט מיט קוימענס, קוימען נאָך קוימען
האָבן פאַרפעסטעט איר לייב, איר אַ פאַרזעעניש געמאַכט,
וואָס האָבן ווי פינגער געריי‌צט זיך מיט די ליכטיקע רוימען —
וואָס מיט זייער רויך פון טאָג מאַכן אַ פינסטערע נאַכט...
געשמיט שטייט די חיה יעצט, אַ מאָנסטער וואַמפּיר —
און וואַרפט איבער פעלדער מיט טויזנטער אויגן,
וואָס רופן פון דערווייטן, און ווינקען אַזוי זיס —
מענטשן קומען און פאַלן אין די לאַפּעס צו איר,
זייער גייסט ווערט געבראָכן, זייער בלוט אַרויסגעזויגן
און צודריקטע פויזשען זיי אַרום אויפ'ן קערפּער פון ריז.
ווען דורכ'ן רויך רייסט זיך דורך אַ שטראַל פון באַגינען —
שליידערט זי אויף מענטשן אין טונקעלע לעכער,
מען זעט מער קיין מענטשן — זיי ווערן יעצט בינען,
וואָס פליהען און הויבן די טורעמס אַלץ העכער,
וואָס קריכן ווי ווערים, פליהען און זשומען,
און שאַפן זיך קעניגינס וואָס זיצן אויף טראָנען,
און קלייבן פאַר זיי דאָס שטויב און האָניק פון בלומען —
מאַכן האָניק און וואַקס פאַר די פוילעגצער דראָנען.
אין אָווענט פאַרוואַנדלט זי זיך אין אַ מאָנסטער אַ שפּין —
שפּינט מיט פלאַמענדע פעדים, און דזשינדזשעט אין טאַצען —
זי רופט אויף די מענטשן אין טונקעלע טורעמס, זיי קומען אַהין —
זי שפּינט דאָרט פאַר זיי — שפּינוועב באַגילטע פאַלאַצען...
עס ווינקט אַלס די חיה מיט אירע טויזנטער ליכט —
און שלעפּט פון דערווייטענס קרבנות אַלץ נייע,
שפּאַרט זיי און שטאָפּט זיי אין בינשטאָק געדיכט —
און זיי ווערן פאַר די דראָנען די קנעכט די געטרייע.

ל. טורעצקי

אסתר

ויהי בימי —
און עס איז געווען אַזוי:
אחשורוש איז געווען קייסער,
און אַ שיכור איז ער געווען אַ גרויסער,
האָט ער געמאַכט אַ שמחה, אַ באַל —
אין דעם גרויסן קעניגליכן זאַל.
זיינען געקומען אַלע באַבל-לייט,
און אַלע פרינצען, פון יענער צייט,
און אַ גאַנצע נאַכט, ביז טאָג אַריין,
האָט זיך געגאָסן דאָס קעניגליכע וויין.
געברענט האָבן פעכיקע שטורקאצן
און קעלישקעס געקלונגען האָבן אויף טאַצען,
אין די מעלצערס מידע הענט.
און אַז די שמחה האָט זיך מער צוברענט,
און דער עולם אין שיכרות פארזונקען,
און דער קעניק גוט פאַרטרונקען —
האָט ער געגעבן פלוצים זיך אויף אַ שטעל,
און מיט פארגלאצטע אויגן, געגעבן אַ באַפעל —
אַז די קעניגין ושתי, די קעניגין, זיין ווייב
זאָל אַהער קומען אין איר נאַקעט לייב...
נאָר ושתי איז ניט געקומען —
האָט אחשורוש, שיכור, מיט כעס באַנומען —
געהייסן מען זאָל זי מיט גוואַלד ברייגנען
און גלייך אויפ׳ן אָרט דאָ הייגנען.
און אַז דער קעניג, אַן אלמן, איז געבליבן אַליין —
האָט ער געטענה׳ט דורך טרערן, באַגאָסן מיט געוויין,
ער קאָן אַזוי ווידער און ווייטער ניט לעבן —

ל. טורעצקי

מען זאָל אים אַ קעניגין, אַ נייע, אים געבן.
האָט מען סיי אויף בענק און אויף טישן
זיך צושריבן, אין גאַזעטן, אויף אַפּישן,
אַז מען זוכט אַ קעניגין, אַ יונג פרוי, אַ מיידל —
זי מוז זיין שיין, חנעוודיק און איידל;
און אַ יתומה, פון אידישע עלטערן געבאָרן —
איז דעמאָלט אסתר, די קעניגין געוואָרן.
און ביים קעניג אחשורוש איז אַ מיניסטער געווען,
המן הרשע, אַן אַנטיסעמיט, אַ ברען —
האָט אַרויסגעגעבן אַ פעראָרדענונג, אַ קעניגליכן געזעץ,
מען זאָל זיך פאַר אים בוקן זיי ווי פאַר אַ געטש.
און אסתר המלכה האָט אַ פעטער געהאַט,
אַ איד אַ קלוגער, אין וואָרט און אין טאַט,
און זעענדיק המנ'ען פלעגט ער אַוועק קוקן,
כדי ער זאָל פאַר אים ניט דאַרפען זיך בוקן.
און דאָס האָט ביי המנ'ען אַרויסגערפון כעס,
און צו מרדכי, און אַלע אידן, פאַרגרעסערט זיין האַס.
האָט המן זיך איינמאָל פאַרקלאָגט פאַרן קעניג,
אַז עס איז דאָ אַ איד וואָס איז דעם געזעץ ניט אונטערטעניק,
און אַלע אידען זיינען פרעמדע דאָ אין לאַנד,
וואָס מאַכן די מלוכה צו שפּאָט און צו שאַנד.
און געראָטן מען זאָל מרדכי גלייך דאָ הייגען,
און אַלע אידען, גרויס און קליין אומברייגען.
און דער קעניג האָט באַוויליגט זיין געבעט,
און דער קעניג האָט געחאתמעט דעם דעקרעט.
און אַז מרדכי האָט זיך דערוואוסט פון גרויזאַמען פּלאַן,
האָט ער געזוכט אַ רעטונג, אפשר איז אין ערגעץ פאַראַן,
אויסמיידן המנ'ס טייוולאַנישע שטראָף,
וואָס האָט צושטערט זיין רו, פאַרמינערט זיין שלאָף.

ל. טורעצקי

האָט מרדכי צו אסתרן אַ שליח געשיקט,
צו דערציילן, ווי די אידען זיינען פאַריאושט, דערדריקט;
זי זאָל פאר׳ן קעניג, צו די פיס פאַלן, און בעטן —
ער זאָל איר פאָלק, אירע ברידער, זיי רעטן.
האָט אסתר אויף אַ פּלאַן, אַ נייעם, זיך פארטראַכט —
זי האָט אַ מאָלצייט פאר׳ן קעניג און המן געמאַכט.
האָט מען געגעסן, געטרונקען, האָט זיך געגאָסן די ווייַן,
אַ גאַנצן טאָג, אַ גאַנצע נאַכט, ביז׳ן טאָג אַריין.
און המן שיכורהייט האָט גערופן דער קעניגין מיין „עטעל״,
און זיך אויסגעגליטשט און געפאַלן אויף דער קעניגינס בעטל...
האָט דער קעניג דערזען דאָס, האָט געבראָטן אין אים,
און מיט כעס האָט געדונערט זיין שיכורע שטים:
„ווי וואַגסטו צו רופן די קעניגין מיט די נעמען,
דו ווילסט, קאַנטיק, מיין מלוכה און מלכה פאַרנעמען!״
האָט אסתר צום קעניג געזאָגט און דערציילט,
ווי המן איר פאָלק האָט צום טויט פאַראורטיילט.
האָט אחשורוש באַפעלט אַלע אידען לאָזן לעבן,
און המן און זיינע געהילפען צום תליה איבערגעבן.
האָט מען המן און די אַנטיסעמיטן אויף תליות אויפגעהייגנגען;
און הונדערטער יאָרן זיינען זינט דאַן שוין פארגיינגען —
נאָר יעדער יאָר פייערט מען אויף ס׳ניי מיט המן-טאַשן,
מיט דער מגילה לייענען, מיט טרינקען און מיט נאַשן.

אונזער לשון 1970

ווען אַמאָל אין די שפּעטערדיקע יאָרן —
וועט אַט דאָס געשריפט אַריינפאַלן אַ פאָרשער אין די הענט,
און אין אַ שפּעטע שעה וועט ער זיצען איבער דעם געלענט,
און זיך וואונדערן ווי אַזוי דעם לשון אונזערען האָבן מיר פאַרלאָרן.
זאָל ער וויסן און פארשטיין —
אַז לכתחילה האָבן מיר געזייט אויף שטיין —
און אונזערע קינדערלאך האָבן מיר געשפייזט מיט סם,
און ווייל עס איז געוועז לייכט או זגוט צום גומען —
האָבן מיר אַ פרעמדען לשון אָנגענומען,
און אַסימילאַציע האָט אונז פארשווינקט ווי דער ים.
פון זיין פאָלק פאַרלאָזן איז איצט אונזער לשון —
דער גורל זיינער איז פארחתמעט, איך זע עס קלאָר,
מיר זיינען די עדות זיינע, פון זיין לעצטן דור,
אַט באלד, אַט באַלד, און ער ווערט אינגאַנצן אויסגעלאָשן.

קינדער־לידער
און באלאדען

איז דיר הייס . . .

איז דיר הייס —
עס פֿלייש,
איז דיר קאַלט —
לויף אין וואַלד,
כאַפּ אַ בער,
נעם אַ שער —
שער אים אָפּ,
דאָרט, דעם קאָפּ —
לייג אין טאָפּ,
קאָך עס אָפּ,
וועסטו עסן
בערן פֿלייש,
וועט דיר ווערן
ווידער הייס;
איז דיר הייס —
עס פֿלייש, א. א. וו.

ל. טורעצקי

די קאַץ

פון אונזער הויז אַ שפּאַן —
איז אַ גערטענדל פאַראַן,
אַ גערטענדל אַ קליינס —
אָבער אַ גריניגקער, אַ שיינס.
דאָרט בלימעלאך בליען —
בלום, בלום, בלום!
און שמעטערלינגלאך פליען —
זשום, זשום, זשום!
מוראַשקעלאך שפּרינגען —
פּיף, פּיף, פּיף!
און פייגעלאך זינגען —
ציף, ציף, ציף!
דאָרט אינגעלאך מיר פינף,
און מיידעלאך זיי פינף,
זיצען אַלע אויפ'ן גראָז
און שפּילן זיך אין אַ שפּיל,
וואָס מאַכט דאָס אויס אין וואָס.
פּלוצים, מיטאַמאָל,
דערהערן מיר אַ קול —
דערזעען מיר אויפ'ן פּליט,
אַ גרויסע קאַץ עס שטייט.
און גלייך אַ שפּרונג אַראָפּ —
און נענטער צו אונז נענט,
אין איר גרויסן קאָפּ —
אויגן — פייער ברענט!
ווערן מיר אין שרעק
און צולויפן זיינען גרייט;

ל. טורעצקי

נאָר אָט בויגט זי אונטער ס'עק
און אויף די פאָדער פיס זי שטייט.
שטייט און וואַרט,
שטייט און וואַרט,
און די אויגן האַלב פאַרמאַכט,
ווי אין עפּעס זיך פאַרטראַכט.
פּלוצים — באַץ!
אַן עפּען אויף אַ מויל פאַר דריי —
און כאַפּט אַריין די קאַץ —
אַ שמעטערלינג וואָס פליט פאַרביי.
און ווי גאַרניט וואָלט פאַסירט —
דורך די בלומען זי שפּאַצירט,
שטעלט זיך אָפּ אַ בלום באַשמעקט,
און די וואָנצעס פרום באַלעקט.
און ווידער זי שטייט און וואַרט,
שטייט און וואַרט,
און די אויגן האַלב פאַרמאַכט,
ווי אין עפּעס זיך פאַרטראַכט.
פּלוצים — לאַפּ!
זי גיט אַ כאַפּ —
אַ פייגעלע,
און דרייט דאָס —
ווי אַ בייגעלע.
און מיר — ניטאָ יעצט שרעק,
פאַראַן נאָר כעס,
שרייט אַ אינגעלע מיט האַס:
„וואָס געוועזן שוין פאַרפאַלן,
נאָר באַלד וועט די קאַץ אויך אונז באַפאַלן,
קיינער זאָל דאָ ניט פאַרבלייבן,

קומט — לאָמיר אים פאַרטרייבן.״
און מיר דורך די בלומען, דורך די גראָז —
גיבן זיך אויף איר אַ לאָז,
ווער אַ שטיין און ווער אַ האָלץ —
קעמפען מיר ווי קעמפער שטאָלץ.
זי — דעם אַ ביס,
און דעם אַ ריס —
נאָר וואונדען זיינען יעצט אַ זיס!
און אַ באַזיגטע זי ציט שנעל אָפּ,
און אויף יענעם זייט פלייט —
זי שפרינגט אַראָפּ.
מיר נאָך דער שלאַכט — די וואונדן ציילן,
נאָר זי וועט שוין האָבן וואָס צו דערציילן
זי וועט שוין מער ניט קומען,
קלאַמערשט שמעקן דאָ די בלומען.
און נאָך אַ זאַך האָבן מיר פאַרנומען:
אַטז אלע איינאיינעם,
וועלן מיר ניט מורא האָבן
פאַר קיינעם...

ל. טורעצקי

די שיף און די באַן

סאפעלע קאַרטאָפעלע,
און שימעלע באַרימעלע,
זיינען שוועסטערל און ברודערל —
איינער אָן צווייטן —
ווי אַ שיפעלע אָן אַ רודערל,
איינער אָן צווייטן —
ווי אַ הינטעלע אָן אַ עקעלע;
נעמען זיי זיך גרייטן
און פּאַקן אַ פּעקעלע
און קריכן צוזאַמען
אַריין צו דער מאַמען —
פרימאָרגן אין בעט.
סאפעלע קאַרטאָפעלע —
קלינגט מיטן גלעקעלע —
ס'איז בײַ איר אַ באַן.
שימעלע באַרימעלע
רודערט מיטן שטעקעלע —
ער איז קאַפּיטאַן.
אַזוי פאָרט מען צוזאַמען
אויס אַלע ים'ען —
שנעלער, ס'איז שוין שפּעט.
שימעלע באַרימעלע,
מיטן הענטל צו די אויגן —
קוקט אין דער ווייט —
הילכט זיין שטימעלע:
אויב וואָלקענס פאַרצויגן
טאָ קירעווע אן אַ זייט.

ל. טורעצקי

סאפעלע די ברעקעלע,
ענטפערט מיטן גלעקעלע —
יאַ הער קאַפּיטאַן,
וואָלקענס זיינען פאַראַן.
מיר זיינען פאַרפאָרן
וואו דער ים איז פאַרפאָרן,
אָט וועלן די ווייסע בערן
אונזער שיף איבערקערן.
שימעלע באַרימעלע,
די אויגלאך אַראָבגעלאָזן,
די ליפּלאך אָנגעבלאָזן —
ציטערט זיין שטימעלע:
„נו — בין איך אויס קאַפּיטאַן,
פאָרן מיר מיט דיין באַן!"
מען לאָזט ניט קיין צוויי ווערטער,
מען בייט זיך נאָר מיט די ערטער,
שימעלע נעמט דאָס גלעקעלע,
סאפעלע ס'שטעקעלע, —
מ'קלינגט און מען קלאַפּט,
מ'קלאַפּט און מען קלינגט,
און מיט וואָס פאַר אַ שנעלקייט אַ שרעק —
די באַן גייט אַ וועק.
אַזוי פאָרן, סאפעלע קאַרטאָפעלע
און שימעלע באַרימעלע —
אויס די גאַנצע וועלט
אָן אַ גראָשן געלט.

ל. טורעצקי

חנוכה

די גריכען זיינען געקומען מיט'ן שפיז און מיט שווערד
און באַפאַלן מיט צאָרן דאָס אידישע ערד,
פאַרנומען דעם טעמפעל, און אים שמוציק געמאַכט
און פון אידישע הייליקייט שפּאַסיק געלאַכט.
און אַ חזיר אין טעמפּעל אויפ'ן וואַנט אויפגעהיינגען
און אידען געבראַכט געשמיט און געפאַנגען
און מיט גרויל זיי געסטראַשעט, צו מאָרדען, פארצוקען
אויב צום חזיר זיי וועלן זיך ניט קניען און בוקען.
איז פון שטעטל מודיעין, פון ערגעץ אין לאַנד,
איז געקומען מתתיהו מיט אַ שווערד אין דער האַנד,
און מיט אַ רוף: „ווער פאַר פרייהייט זאָל קומען מיט מיר!"
און דאָס פאָלק האָט זיך אַ לאָז געטאָן דורך טויער און טיר
צו קעמפען אַנטקעגן די קנעכטשאַפט און שאַנד,
פאַרטריבען דעם שונא פון ערד און פון לאַנד
און דעם טעמפעל געריייניגט, די צושטערונג פאַריכט
און אַנגעצונדען פאַר באַנייאונג חנוכה ליכט.

ל. טורעצקי

די 6 טאָגיקע מלחמה

דאָס לאַנד איז אַרומגערינגלט:
די מיצרים אין דרום,
לבנון אין צפון,
און די סיריער געשטאַנען זייגען גרייט.
די מיצרישע ראַדיאָ געשוימט האָט מיט סם,
און האַשעמיט געסטראַשעט האָט אָפן
צו צופערטלען קינד און קייט
און וואַרפן די ישראלים אין ים.
און פאַרלאָזן פון פריינט איז ישראל,
נאָר פון שונא זיי ווערן ניט נתפעל,
פרימאָרגן, פאַרטאָג, באַגינען,
ווען די זון האָט זיך נאָר וואָס באַוויזן
האָבן זיך אַ הויב געטאָן שטאָלענע בינען
די נעסטען פון שלאַנגען באַפאַלען,
און אין די הייסע זאַמדען פון סיני
צושניטן די חיילות ווי זאנגען
פאַרטריבן זיי אין דער ווייט,
און טויזענטער שונאים געפאַנגען —
און ישראל איז געוואָרן באַפרייט.

ל. טורעצקי

אַ פורים פייערונג אין שול

אי די שנייען, אי דער שטורעם
מיט'ן ווינטער, שוין אַוועק,
אַטאַ קומט שוין מאָרגן פורים —
שלח מנות גאַנצע זעק.
פילע געסט זיינען פאַרבעטן,
און דער לערער אויבן אָן,
אין אַ שפּיל וועל איך אויפטרעטן —
איך וועל זיצן אויף אַ טראָן.
דער לערער האָט געזאָגט, בפרוש,
איך וועל טראָגן פּרס קרוין,
איך וועל שפּילן אחשורוש,
עס וועט מיר באַוואונדערן גרויס און קליין.
און די קינדער, און די טאַטעס,
אַלע וועלן שטויגען, קוקן —
ווי המן, אָנגעטאָן אין שמאַטעס
וועט זיך קניען פאַר מיר בוקן.
איך וועל שרייען — אָט דער המן
גיכער זאָל מען אים אויפהייגען,
איך וועל אנרופן אַ נאָמען,
זאָל מען זי אָהער דאָ ברייגען.
נאָר איך האָב מורא אָט די ווערטער
ניט פארפלאָנטערן, ניט פאַרמישן
ווען דערהערן וועל איך ס'געלעכטער
אַרום די ביינק, און אַרום די טישן.
נאָר דאָס איז שוין פון די קנאָפּע זאָרגן,
איך וועל איינשטודירן אויף זיכער,
זאָל נאָר שנעלער קומען מאָרגן,
שנעלער, שנעלער און וואָס גיכער.

דפוס עמל בע"מ ת"א